STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02644

DER MOSKVER KUNST TEATER

Abraham Cahan

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער מאסקווער
קונסט טעאַטער

פון

אב. קאהאן

ארויסגעגעבען פון דער
שיקאַגאָ'ער ארבייטער קולטור ליעג
1923

L. R. SAYLER

,,ארבייטער קולטור ליעג״

1224 סאוטה אלבאני עווע. :-: שיקאגא, איллל.

ooo

לואיס שייפער—פּאָרזיצער

אברהם פאטט, סעקרעטער יעקב סיעגעל, טרעזשורער

דעלעגאַטען און אָרגאַניזאַציאָנען

סאָציאַליסט. פערבאַנד

לואיס שייפער

דר. ז. לאָרבער

ס. גארדאן

פּאָרווערטס אסאָסיאיישאָן

יונה ספּיוואק

יעקב סיעגעל

פ. פעסאוואָי

נאַציאָנאל סאָציאַליסטיש. געזאַנגס פעראיין

מ. סאסאוויטש

דזש. האלפּערן

י. בראמשטיין

מאַנדאָלין אָרקעסטער

דזש. גאָליטצקי

פ. גוזמאן

ליטעראריש. דראַמאַטישע געזעלשאפט

משה מייסאָן

בן-ציון גארדאָן

אברהם פאטט

קולטור קלאָב

מ. ב. מייסאָן

מרס. אָסטראָווסקי

מרס. אלטשולער

קולטור ליעג כאָהר

מ. שלעזינגער

דזש. מעדניק

דוואָרקין

פרויען קונסט קלאָב

מרס. פאטט

מרס. שייפער

מרס. פאבריקאנט

אב. קאהאן

פאָרוואָרט

עס איז שוין פאריבער א יאָהר צייט זינט עס האָט אין שיקאַגאָ אָנגעהויבען צו פונקציאָנירען די „ארבייטער קולטור ליעג“, א קערפערשאַפט וועלכע איז צוזאַמענגעשטעלט פון א רייהע ארבייטער, סאָציאליסטישע און קולטורעלע אָרגאַניזאציעס און וועמענס צוועק עס איז צו פערשפרייטען אידישע און אלגעמיינע אויפקלעהרונג צווישען די אידישע ארבייטער מאסען פון שיקאַגאָ.

אין פערלויף פון דעם יאָהר צייט האָט די „ליעג“ באוויזען אויף א העכסט דעמאָנסטרירענדען אופן אַז איהר ערשיינונג אין דעם אידישען ארבייטער לעבען איז ניט נור געווען א ווינשענסווערטע און ערפרעהענדע, זאָנדערן אַז זי איז אויך געקומען אלס א גרויסע און ווירקליכע נויטווענדיגקייט אין דעם געזעלשאַפטליכען צוזאַמענלעבען פון די אידישע ארבייטער פון שיקאַגאָ, און האָט אריינגעבראַכט א נייעם שטראָם פון לעבען און בעוועגונג אין יענע ספערען פון די ארבייטער קרייזען וועלכע זיינען דורך דער מלחמה-צייט און דורך דער הערשענדער רעאַקציע איינפאַך פאראליזירט געוואָרען געזעלשאפטליך, פאָליטיש און קולטורעל.

עס איז דאָ ניט דער פלאץ אויסצורעכענען די פערשיעדענע קולטורעלע טהעטיגקייטען וואָס זיינען אויף אַזאַ גלענצענדען אופן דורכגעפיהרט געוואָרען פון דער „ארבייטער קולטור ליעג“ אין דער קורצער צייט פון איהר עקזיסטענץ. וואָס עס מוז דאָ אָבער יא דערמאָנט ווערען, און דערמאָנט ווערען מיט שטאָלץ און פרייד, איז דער פאקט, אַז יעדע עפענטליכע ארויסטרעטונג פון דער „ליעג“ איז פון דעם פאָלק שטענדיג בעגעגענט געוואָרען מיט אמת'דיגער און האַרציגער בעגייסטערונג. דאָס אליין איז דער בעסטער בעוויז אַז די „ליעג“ איז ניט נור געקומען צו פערבלייבען, זאָנדערען אַז עס שטעהט איהר נאָך פאָר א גרעסערער און ברייטערער פעלד פון קולטורעלער ארבייט אין דער צוקונפט.

די טיעפע אַנערקענונג וואָס די אידישע ארבייטער מאסען האָבען אזוי אָפט ארויסגעוויזען צו דער „ארבייטער קולטור ליעג“ קען בלויז דיענען אלס א קוואל צו שעפען נאָך מעהר מוטה און ליכטיגען גלויבען פאר די יעניגע וועלכע שטעהן ביי דער סאמע

ארבייט פון דער „ליעג“ און וועלכע באגרייפען די גרויסע און טיפע פעראַנטוואָרטליכקייט פון זייער אַרבייט.

דער בעזוך פון דער מאָסקווער קונסט טרופע אין שיקאַגאָ וועט אָהן צווייפעל בעשאַפען א הערליכע און יום-טובדיגע שטי-מונג צווישען טויזענדער מענשען וועלכע ווייסען ווי צו ליעבען און שעצען דאָס שעהנע און אמת עסטעטישעס אין דער טהעאַטער קונסט. די „אַרבייטער קולטור ליעג“ האָט דארום געפונען אַלס איהר פליכט ניט נור צו בעטהייליגען זיך אין א גרויסארטיגער אויפנאהמע וואָס דיעזע פּיאָנערען פון דער מאָדערנער טעאַטער קונסט פערדיענען צו קריגען, זאָנדערען האָט זיך געשטעלט אלס איהר אויפגאַבע צו בעקענען נעהענטער דעם אידיש-שפּרעכענדען און אידיש-לעזענדען טהייל פון די אַרבייטער מיט דעם אינהאלט און כאַראַקטער פון יענע גרויסע קונסט-פאָרשטעלונגען וואָס די רוסישע קינסטלער וועלען דאָ דורכפיהרען.

די געזאַמעלטע קריטיקען פון אב. קאהאן איבער די פאָר-שטעלונגען פון די רוסישע קינסטלער, וועלען האָפענטליך אָפּ-געשאַצט ווערען פון די יעניגע וועלכע וועלען זיך דאמיט בענוצען, און דער לוין פון דער „ליעג“ וועט באשטעהן אין דער אָנערקענונג און אָפּשאצונג פון איהר פערזוך צו דערנעהנטערען די אמת-גרויסע קינסטלער מיט די וועלכע ליעבען, און שעצען די קונסט.

ארבייטער קולטור ליעג

דר. ז. לאָרבער
יונה ספּיוואק
יעקב סיעגעל
רעדאַקציאָנ׳ס קאָמיטע

שיקאַגאָ, אפּריל, 1923



קאָנסטאַנטין סטאַניסלאַווסקי
דער דירעקטאָר און גרינדער פון מאָסקווער קונסט טהעאַטער

די געשיכטע פון מאַסקווער קונסט טהעאַטער בקיצור

דער מאָסקווער קונסט טהעאַטער איז קוים פינף־און־צוואַנציג יאָהר אַלט און זיין געשיכטע פאַרנעהמט שוין דיקע ביכער אָנגעפיקעוועט מיט די אינטערעסאַנטסטע און שפּאַנענדסטע לעזע שטאָף. עס איז א געשיכטע פון א רעוואָלוציאָנערע איבערקערעניש אין דעם גאַנצען בעגריף פון דער שוישפּיעל־קונסט וואָס האָט געפונען אָן אָפּקלאַנג אין דער גאַנצער וועלט.

דער מאָסקווער קונסט טהעאַטער איז געגרינדעט געוואָרען פון קאָנ־סטאַנטין סטאַניסלאַווסקי און וולאַדימיר ניעמיראָוויטש־דאַנטשענקאָ. סטאַניסלאַווסקי איז דאַן געווען אַ „אמאַטשור" (ליוביטעל) שוישפּילער און דער סטיידזש מענעדזשער פאַר דער געזעלשאַפט פון קונסט און ליי־טעראַטור. ניעמיראָוויטש־דאַנטשענקאָ איז שוין דאַן געווען בעקאַנט אלס שרייבער און קריטיקער, אָבער ער האָט זיך הויפּטזעכליך אָפּגעגעבען מיט דער ענטוויקלונג פון דער דראַמאַטישער קונסט. ער האָט אויפגע־האַלטען א דראַמאַטישע שוהלע און ער פלעגט געבען יעהרליכע פאָרשטע־לונגען פון זיינע גראַדויִרטע תלמידים.

פון דיזער געזעלשאַפט פאַר קונסט און ליטעראַטור מיט סטאַניסלאַוו־סקי'ן אָן דער שפּיצע און ניעמיראָוויטש־דאַנטשענקאָ'ס דראַמאַטישע שולע איז אויסגעוואַקסען דער איצט־בעקאַנטער און וועלט בעריהמטער מאָסק־ווער קונסט טהעאַטער.

מיט דער גרינדונג פון דעם מאָסקווער קונסט טהעאַטער איז ענטשטאַ־נען א נייע עפּאָכע אין דער שוישפּיעל קונסט אין רוסלאַנד. זיי האָבען פעראייניגט ארום זיך אַלע יונגע שוישפּילער וואָס האָבען געשטרעבט צו די העכערע טהעאַטער קונסט און גרויסע מאַלער, קינסטלער און שרייבער. זיי האָבען אָנגעהויבען צום ערשטען מאָל אין רוסלאַנד אויפפיהרען די ווערק פון טשעכאָווען, פון איבסענען, פון האופּטמאַן און פון אַנדערע, וועמעס דראַמאַטישע ווערק מען האָט ביז דאַן ניט געהאַט געשפּיעלט אין רוסלאַנד.

ריידענדיג וועגען יענער צייט האָט ניעמיראָוויטש־דאַנטשענקאָ זיך אויסגעדריקט ווי פאָלגט: „ווי גליקליך מיר זיינען געווען אין יענער צייט. אונז האָט ניט געשראָקען די אומבעשטימטע צוקונפט ווייל מיר זיינען געווען פעראייניגט און ענג צוזאמען געבונדען מיט די פעדעם פון

אמת'ע פריינדשאַפט און מיר זיינען אַלע געווען ארומגענומען מיט איין גייסט, מיט איין אידעע—די אידעע פון א נייעם טהעאַטער. מיר פלעגען אַרבייטען טאָג און נאַכט אין אַן אָרימע אומגעבונג מיט גרויס ליעבע און מיט גרויס איבערגעבענהייט און מיט א גוואַלדיגע בעגייסטערונג פאר א שעהנער צוקונפט. מיר האָבען דעמאָלט אַליין ניט געוואוסט נאָך וואס מיר שטרעבען און וואָס מיר ווילען. מיר זיינען בלויז געווען רעוואָלוציאָנערען געגען די אַלטע, פערשימעלטע, טהעאַטראַלישע און אוננאַטירליכע פאָרמען פון שוישפּילעריי; און דיזער פּראָטעסט געגען דאָס אַלטע און אָפּגעלעבטע האָט אונז פעראייניגט און ערמוטהיגט אין אונזער אַרבייט וואָס האָט זיך שפּעטער קריסטאַליזירט אין א בעשטימטע אידעע, אין א בעשטימטע ריכטונג."

דיזע ריכטונג, דיזע אידעע, איז געווען אַז דער שוישפּילער זאָל שפּילען אויף דער ביהנע נאַטירליך און רעדען נאַטירליך און ארויסברענגען דעם אינערליכען, פּסיכאָלאָגישען אמת אויף דעם איינפאַכסטען אופן פּונקט אזוי ווי עס קומט פאָר אין דעם אמת'ען לעבען אָבער מיט א געוויסען ארטיסטישען מאָס. די הויפּט זאַך איז געווען אַז עס זאָל געשפּיעלט ווערען אזוי רעאַליסטיש, אזוי געטריי צום לעבען אַז מען זאָל אויף דער ביהנע זעהען מענשען פון בלוט און פלייש און ניט קיין פאַרזעהענישען.

דער מאָסקווער קונסט טהעאַטער האָט דורכגעמאַכט דריי שטופען פון ענטוויקלונג. ער האָט אָנגעפאַנגען מיט רעאַליזם און איז געגאַנגען אזוי ווייט ווי אויפצופיהרען שעקספּיר'ס מאַכבע ווערק אין דיזען גייסט. דאָס האָבען זיי געטהון מיט „יוליוס צעזאר" וואָס האָט זיי געגעבען א מעגליכקייט צו געבען א רעאַליסטישע בילד פון רוים אין די צייטען פון צעזארען. זייער העכסטען אויסדרוק האָבען זיי בעקומען אין דער אויפיהרונג פון טשעכאָוו'ס פּיעסען, אָנפאַנגענדיג מיט „דעם ים פויגעל" און ענדיגענדיג מיט דעם „קארשען גאָרטען". די צווייטע עפּאָכע איז געווען ווען זיי האָבען אָנגעהויבען צו זוכען נייע פאָרמען פון סצענעס, און אויף דיזען געביעט האָבען זיי דערגרייכט די גרעסטע שטופע פון ערפאָלג אין מעטערלינק'ס איין-אַקטער, אין האמסונ'ס „די נעגעל פון לעבען", אין איבסענ'ס „ראָזמערסהאָלם" און אין אנדריעעוו'ס „דאָס לעבען פון א מענשען". די דריטע עפּאָכע מאַכט איצט דורך דער מאָסקווער קונסט טהעאַטער. די עפּאָכע ווערט באַצייכענט אַלס דער „טהעאַטער פון די אינערליכע געפיהלען". דאָס מיינט ארויסצוברייגען דעם אינעווניגסטען פּסיכאָלאָגישען אמת אויף דער ביהנע.

דער אַקטיאָר מוז קודם כל, לויט דיזער עפּאָכע איבערלעבען מיט



וולאַדימיר ניעמיראָוויטש-דאַנטשענקאָ
דירעקטאָר און גרינדער פון מאָסקווער קונסט טהעאַטער

זיין נשמה דעם טיפ וואָס ער געהט שפּיעלען און ערשט ווען ער באַגרייפט אינערליך און נשמה׳דיג דעם טיפּ, נאָר דאַן קען ער אַרויפטרעטען אויף דער ביהנע און שפּיעלען.

זעהר אינטערעסאַנט איז ווי אַזוי דער מאָסקווער קונסט טהעאַטער גרייט זיך אויפצופיהרען אַ פּיעסע. עס איז גאָר אַנדערש ווי עס פיהרט זיך אין די געוועהנליכע טהעאַטערע. דער ראַטה פון טהעאַטער וואָס באַשטעהט פון סטאַניסלאַווסקי׳ן און דאַנטשענקאָ באַשליסען אויפצופיהרען אַ פּיעסע. זיי בעשטימען דאַן אַ דירעקטאָר און מיט זיין הסכמה ווערען אָנגעשטעלט מאָלער פאַר די סצענעס און צוטהיילט די ראָלען צו די שוישפּילער. דער דירעקטאָר פערזאַמעלט דאַן די שוישפּילער און די סצענען מאָלער צו אַ סעריע דיסקוסיעס איבער דער פּיעסע וואָס מען געהט אויפפיהרען. דורך דיזע דיסקוסיעס ווערט אַרויסגעבראַכט קלאָר דער הויפּט מאָטיוו פון דער פּיעסע און די הויפּט האַנדלונג. דאַן קומט דער ביהנע־מענעדזשער און אַנאַליזירט די בעזונדערע ראָלען פון די שוישפּילער און דיסקוטירט מיט זיי די פּסיכאָלאָגיע פון זייערע טיפּען. די פּראָבען ווערען אויך געמאַכט גאַנץ אַנדערש ווי אין געוועהנליכע טהעאַטערע. צוערשט פערזאַמלען זיך די שוישפּילער און די דירעקטאָרען־ און מאַכען פּראָבע זיצענדיג אַרום טישען און ערשט ווען יעדער איינער האָט זיך שוין אַריינגעלעבט און קאָן שוין גוט זיין ראָלע, ערשט דאַן פאַנגט מען אָן מאַכען פּראָבען אויף דער ביהנע. קיין אַקטיאָר ווערט ניט געבונדען מיט פאָרמאַלע רעגעלען ווי אַזוי ער מוז שפּילען. ווען דער שוישפּילער לעבט זיך אַריין אין זיין ראָלע, אינערליך און אויסערליך, ווען ער געדענקט יעדעס וואָרט און יעדע בעוועגונג, דאַן ווערט זיין שפּיעלען אויף דער ביהנע דיקטירט פון זיין אינערליכען בעוואוסטזיין. עס פאַרשטעהט זיך פון זיך זעלבסט אַז צו שפּילען טהעאַטער אויף אַזאַ אופן פאָדערט זיך דער אויסדרוק פון דער העכסטער קונסט, און אַז מען קען ניט כאַפּ־לאַפּ אויפפיהרען אַ פּיעסע. דער מאָסקווער קונסט טהעאַטער מאַכט אָפּט מאָהל פּראָבע איבער איין פּיעסע אַ גאַנץ יאָהר צייט בעפאָר ער פיהרט זי אויף. דער מאָסקווער קונסט טהעאַטער האָט ניט אין זינען אויפצופיהרען אַ סך פּיעסען נאָר ער ווענדעט אָן זיין גאַנצע ענערגיע און קראַפט אויפצופיהרען ווייניג פּיעסען אָבער מיט דעם גרעסטען קינסטלערישען ערפאָלג. און דעריבער פיהרט דיזער קונסט טהעאַטער מעהר ניט אויף ווי דריי אָדער פיער פּיעסען אין פערלויף פון אַ גאַנצען סיזאָן.

דער מאָסקווער קונסט טהעאַטער האלט אויך אויס אַ שולע צו ענטוויקלען נייע טאַלאַנטען פאַר דער ביהנע און דיזע שולע האָט שוין אַרויסגעגעבען אַ גאַנצע רייהע טאַלאַנטען וואָס שטעהען כמעט אויף דערזעלבער

העכסטע מדרגה ווי דער קונסט טהעאטער זעלבסט. די שולע האט זיך איהר אייגענע ביהנע און איהרע אייגענע רעזשיסארען און דירעקטארען. צווי פיעסען וואס די שולע האט אויפגעפיהרט זיינען געווען אזוי קינסט־לעריש ערפאלגרייך אז דער מאסקווער קונסט טהעאטער האט זיי אריינגענומען אין זיין רעפערטואר.

דיזער ריזיגער קונסט טעמפעל איז אויפגעבויט געווארען א דאנק די גרויסע טאלאנטען און ענערגישען אונטערנעמונגס־גייסט פון קאנ־סטאנטין סטאניסלאווסקי און ולאדימיר ניעמיראוויטש־דאנטשענקא. * *

מיר דארפען באמת דאנקבאר זיין מר. מאררים געסט וועלכער ווערט אנגערופען דער ,,אמבאסאדאר פון דער רוסישער קונסט אין אמע־ריקא" פאר זיין ריזיקאליש־געוואגטע אונטערנעהמונג ארונטער צו ברענגען דיזען טהעאטער וואס איז דער העכסטער אויסדרוק פון קונסט אום מיר זאלען איהם קאנען זעהן און פון איהם פיעל, פיעל לערנען.

מר. געסט איז א רוסיש־אידישער יונגער מאן וועלכער האט זיך בארימט געמאכט אין אמעריקא דורך זיין גרויסען אונטערנעהמונגס־גייסט אויפצופיהרען אין אמעריקא די גרעסטע ספעקטאקלען וואס מען האט נאך דא קיינמאל ניט געזעהן, ווי ,,מעקקא", ,,אפראדייט" א. ז. וו. ער האט זיך אויך ערווארבען גרויסע שבחים פאר ברייננגען נאך אמעריקא די מאסקווער ,,שאוו סארי" (פלעדער מויז). דעם לארבער קראנץ האט ער אבער פערדיענט פאר ברייננגען נאך אמעריקא דעם מאסקווער קונסט טהעאטער.

מאררים געסט

דער אידיש-אמעריקאנער מענעדזשער וועלכער האט געבראכט די
מאסקווער טרופע נאך אמעריקא

אינהאַלט פֿון „צאַר פֿיאָדאָר איוואַנאָוויטש“

פֿיאָדאָר איוואַנאָוויטש דער זוהן פֿון „איוואַן דער שרעקליכער“ (איוואַן גראָזני) ווערט פֿאָרגעשטעלט אלס צוקראָכענער מאַנספֿערשוין, א שוואַכלינג און אידיאָט — פּונקט דער היפּוך פֿון זיין פֿאָטער, פֿאַר וועמען דאָס גאַנצע לאַנד האָט געציטערט, פֿאַר וועמען גאַנץ רוסלאַנד האָט געהאַט טויט־שרעק. ער איז דער לעצטער פֿון דער „ריוריק דינאַסטיע“ וואָס האָט רעגיערט רוסלאַנד אין זעכצעהנטען יאָרהונדערט — פֿון 1584 ביז 1598. ער איז ארומגערינגעלט פֿון אלע זייטען מיט שונאים. ער געפֿינט זיך שטענדיג צווישען צוויי פֿיינדליכע לאַגערען — פֿון איין זייט זיין ווייב'ס ברודער באָריס גאָדונאָוו, וועלכער האָט מיט זיך די פּריצים און באָיארען און אויף דער צווייטער זייט האָט ער געגען זיך דעם פּרינץ איוואַן פּעטראָוויטש שויסקי, קאָמאַנדיר פֿון דער אַרמעע. „איוואַן דער שרעקליכער“ האָט פֿאַר זיין טויט אָנגעזאָגט שויסקי'ן אז ער זאָל זיין דער בעל יועץ פֿון זיין שוואַכזיניגער יורש פֿיאָדאָר און זאָל צוזאַמען מיט באָריס גאָדונאָוו, וועלכער האָט פֿאַרנומען דעם אַמט אלס „שני למלך“ העלפֿען פֿיהרען די מלוכה. גאָדונאָוו האָט זיך אָבער זיינע אייגענע אמביציעס און וויל ניט געהן האַנד אין האַנד מיט שויסקי'ן און אזוי האָבען זיך געשאַפֿען צוויי באַזונדערע פֿראַקציעס ארום קעניגליכען הויף און דער שוואַכזיניגער צאַר פֿיאָדאָר איוואַנאָוויטש איז געווען דער קרבן, צווישען צוויי פֿייערען.

די האַנדלונג קומט פֿאָר אין מאָסקווא, ענדע פֿון זעכצעהנטען יאָרהונדערט. גלייך אין ערשטען אַקט (די דראמא ענטהאלט פֿינף אקטען און 4-5 סצענעס אין יעדען אַקט) וואָס שפּיעלט זיך אָפּ אין צאַר'ס עמפּפאַנגס צימער פֿון זיין פּאַלאַץ אין קרעמעל דערוויסט מען זיך שוין פֿון די אינטריגעס וואָס רינגלען ארום דעם קעניגליכען הויף. גאָדונאָוו'ס רעכטע האַנד, אנדרעי קלעשנין לאָזט וויסען זיין בעל הבית וועגען דער פֿארשווערונג פֿון שויסקי און זיין באַנדע, צו שיקען די צארינא, אירינא, אין א מאָנאַסטיר און אויף איהר פּלאַץ ארייַנשיקען אַנאַנדער פֿרוי צום צאַר פֿערשטעלט אלס צארינא, גאָדונאָוו קריצט מיט די צייהן, אָבער עס העלפֿט איהם ניט. אין נעקסטען אקט זעהט מען טאקע די פֿערשווערונג שוין דורכגעפֿיהרט און נאָך שפּעטער זעהט מען א פֿרעמדע פֿרוי אלס צארינא און די צארינא אליין איז בעזייטיגט געוואָרען פֿון פּאַלאַץ, כדי זי זאָל מעהר איהם ניט שטערען אין שויסקי'ס פּלענער. פֿיאָדאָר זעהט בלויז אז עפּעס ארבייט זיך הינטער זיינע פּלייצעס און ווייס ניט וואָס. האַלט ער אין איין שרייען „בין איך צאַר אָדער ניט?“ קיינער הערט איהם אָבער ניט. און ווען ער זעהט אז די שפּיעל איז פֿאַר'ן טייוועל, פֿערברעכט ער מיט די הענד צום הימעל און צוואַויינט זיך: „גאָט, גאָט! פֿאַרוואָס האָסטו מיך געמאַכט פֿאַר צאַר!“

די ערשטע פֿאַרשטעלונג פון וועלט־באַריהמטען מאָסקווער טעאַטער אין ניו יאָרק *)

די אומגעדולדיג ערוואַרטעטע פֿאַרשטעלונג פון מאָסקווער טהעאַטער קאָמפּאַני איז ענדליך פֿאָרגעקומען. זיי האָבען געגעבען די באַקאַנטע רוסישע היסטאָרישע פּיעסע „צאר פיאָדאָר“ פון אַלעקסעי טאָלסטאָי, אין דעם גרויסען דזשאָלסאָן טהעאַטער, אויפ׳ן קאָרנער פון 7טע עווענוי און 59טע סטריט, וואו זיי וועלען שפּילען זייער גאַנצען סיזאָן. דער טהעאַטער איז גרויס ווי אַן אָפּערא הויז, און ער איז געווען איבערגעפּאַקט. אַן אונגעהייערער קראוד האָט זיך געמוזט באַנוגענען מיט „סטענדינג רום“ און הונדערטער האָבען קיין סטענדינג רום טיקעטס אויך ניט געקענט קריגען. צווישען דעם עולם האָבען זיך געפונען פיעלע פון די אָנגעזעהנסטע פּערזענליכקייטען אין ניו יאָרק — פינאַנסירען, רעדאַקטערע, שריפטשטעלער, מוזיקער, שוישפּילער. די צייטונגען באַשרייבען דעם אבענד ווי א מין גרויסען יום טוב, וועלכער טרעפט איין מאָל אין עטליכע יאָהר. איין זשורנאַליסט זאָגט: „די גרויסקייט פון עולם און זיין אויסזעהן האָט עדות געזאָגט וועגען די פיבערישע ערוואַרטונגען, וועלכע האָבען זיך געפיהלט אין אינטעליגענטע קרייזען די לעצטע פּאָר וואָכען“.

די פֿאָרבערייטונגען זיינען געמאַכט געוואָרען אויף אַן עכט אמעריקאַנישען שטייגער. פאַרגעסט ניט אַז די קאָמפּאַני באַשטעהט פון צוויי און זעכציג מענער און פרויען און אַז זיי האָבען מיטגעבראַכט מיט זיך סינערי, וועלכע פאַרנעהמט גאַנצע פינף וואַגאָנען פון א טריין; און דאָס אַלץ איז אָנגעקומען אין ניו יאָרק ערשט מיט פיער טאָג פריהער. אין פיער טאָג האָט מען בעדאַרפט די גאַנצע סינערי באַפרייען פון קאָסטום הויז, איבערפירען פון שיף אין טהעאַטער, ברענגען אין אָרדענונג און צופערטיגען צו די פֿאַרשטעלונגען. און די צוויי־און־זעכציג פּערזאָן האָבען געדאַרפט זיך צוגרייטען צו זייערע ראָלען מיט א ספּעציעלען „רעהוירסעל“ אין דעם דזשאָלסאָן טהעאַטער. און דאָך איז אַלץ געגאַנגען ווי געשמירט, אַזוי ווי זיי וואָלטען דאָ אימער געשפּילט.

*) די קריטיקען און אבהאַנדלונגען פון אב. קאַהאַן זיינען ערשינען אין „פֿאָרווערטס“ אין דער צייט וואָס די מאָסקווער טרופּע האָט געשפּיעלט אין ניו־יאָרק. דאָס וועט ערקלעהרען וואָרום עס ערשיינען אין זיינע אַרטיקלען אָנווייזונגען אויף דאַטומס, פּלעצער, און אז. וו.

ווען דיזעלבע קאָמפּאַני איז געקומען אין פּאַריז און אין פּראַג, און אפילו אין בערלין, זיינען אין די ערשטע פּאָר טעג ארויסגעקומען פּלאַנ־טערם און שוועריגקייטען, פאַרהאַלטונגען. מען האָט געמוזט אָפּלעגען די ערשטע פּאָרשטעלונג. מיר זאָגען „אפילו אין בערלין", וואָרים די דייטשען זיינען דאָך אין אַלץ אזוי פּינקטליך און אזעלכע וואונדערבאַרע בריות. אין דיזען פאַל אָבער האָבען זיי זיך פּאָרט ניט געקענט ספּראַ־ווען אזוי שנעל ווי מען האָט געוואָלט. אָן אמת'ען קאָמפּלימענט קומט דעם מענעדזשער, וואָס האָט די באַריהמטע רוסישע אַקטיאָרען אַראָפּ־נעבראַכט, מר. מאָרים געסט'ן, וועלכער האָט געאַרבייט מיט אָן עכט אַמעריקאַנישע בריה'שקייט. איהם קומט איבערהויפּט א דאַנק פאַר וואָס מיר האָבען ענדליך דעם תענוג און די זכיה, קענען מיר זאָגען, צו זעהן און צו הערען די שוישפּילער, צו וועמעס שפּילען מען פלעגט פאָה־רען קיין מאָסקווע אַזש פון לאָנדאָן און פּאַריז. * * *

* * *

ווענען דיזע קאָמפּאַני האָט מען שוין אזוי פיעל געשריבען, אזוי הויך געלויבט איהר, אלס די פאָלקאָמסטע און וואונדערבאַרסטע טהעאַ־טער קאָמפּאַני אין דער וועלט, אז פיעלע האָבען איינפאַך גענומען זיך פרעגען, צי וועלען די ערוואַרטונגען ניט זיין שוין א ביסעל צו גרויס. וואָרים זעהר אָפט ווערט מען אין אזעלכע פעלע ענטוישט. וועלל, לאָמיר גלייך זאָגען, אז אין דיזען פאַל איז מען ניט ענטוישט געוואָרען. פאַרקעהרט: די קאָמפּאַני האָט איבערגעשטייגט דאָס העכסטע, וואָס מען האָט זיך פאָרגעשטעלט. די באַקאַנטע קריטיקער פון די גרויסע אמעריקאנער צייטונגען שרייבען אַלע כמעט אין איין טאָן — אין א טאָן פון דער גרעסטער באוואונדערונג, פון א מין עהרפורכט. אין פער־שיעדענע פאָרמען ערקלעהרען זיי, אז אזא סאָרט שפּילען, אזא טהעאַ־טער האָבען זיי נאָך קיין מאָל ניט געזעהן; אָדער אז דאָס איז די העכסטע שטופע, צו וועלכע די טהעאַטער־קונסט האָט פאָרלויפיג דערגרייכט זינט עס איז פאַראַן א טהעאַטער אויף דער וועלט.

עס איז שוין אויבען געזאָגט געוואָרען, אז די פּיעסע איז א היסטאָ־רישע. אָבער א היסטאָרישע פּיעסע איז מייסטענס א שונד־פּיעסע, צי טאַלאַנטפאָל געשריבען, צי ניט. דיזע פּיעסע איז א פיינע שטיק ליטע־ראַטור. ניטאָ קיין סענסאַציעס, וואָס גלויבען זיך ניט. ניטאָ קיין שפּאַנענדע סצענעס און איבערראַשונגען, וואָס זיינען אריינגעשטעלט אומישנע כדי עס זאָל זיין שפּאַנענד. אַלץ לייגט זיך אויפ'ן שכל און אַלץ איז געבויט אויף דעם היסטאָרישען אמת, געבויט מיט א פאַנטאַזיע פון א רעאַליסטישען קינסטלער.

זי איז גענומען געוואָרען פון א העכסט אינטערעסאַנטען קאַפּיטעל אין דער געשיכטע פון רוסלאַנד. די פּאַסירונגען געהערען צום סוף פון 16טען יאָהר־הונדערט און צום אָנהויב פון 17טען יאָהר־הונדערט. דאָס איז איינע פון די שפּאַנענדסטע געשיכטעס, וואָס מען קען נור געפינען אין דער היסטאָריע.

די „באָיאַרעס", די דאַמאָלסדיגע פּריצים פון רוסלאַנד, זיינען געווען געקליידעט אין העל־קאָלירטע בגדים; אפילו זייערע שטיוועל זיינען געווען פון קאָלירטע שטאָף, דורכגעוועבט מיט בלומען און פערשיעדענע רייכע קאָלירען. אויף די ווענט פון די זאַלען אין די פּאַלאַצען זיינען געווען אויפגעמאָלען העל־געפאַרבטע פיגורען. און אַלץ ווערט אין טהעאַטער פאַרגעשטעלט אבסאָלוט טריי, לויט דער ווירקליכקייט פון יענע צייטען. איהר זעהט אויף דער ביהנע צעהנדליגע באָיאַרעס, קופּצעס (סוחרים), קאַמער־דינער, הערען און דאַמען, גלחים, און כמעט יעדער טראָגט בגדים פון אַנדערע קאָלירען מיט אַנדערע קווייטען. און אַלעס צוזאַמען ווערט צונויפגעגאָסען אין א פלאַמענדען קאָליר־געמיש, וועלכער פאַרטראָגט אייך אין אן אונגעוועהנליכע וועלט, אין א מין חלום־וועלט. די דעקאָראַציעס זיינען אזוי רייך, אזוי פּינקטליך אויסגעאַרבייט, אזוי היסטאָריש־טריי, אז עס דאַכט זיך אייך, אז איהר זעהט פאַר זיך אַן אמת'ען זאַל ביי די צאַרען פאַר עטליכע הונדערט יאָהר. אָדער איהר זעהט פאַר זיך א צערקווע (א רוסישע קירכע), אזוי ווי אַן אמת'ע. עס גלויבט זיך קוים אַז דאָס איז אויף א ביהנע. און הינטער דער צערקווע קלינגען גלאָקען — דאַכט זיך אייך, אז איהר זייט ווירקליך אין מאָסקווע אָדער אין פּעטערבורג פאַר דער מלחמה. עס גלויבט זיך אייך ניט, אַז די קלאַנגען זיינען געמאַכט הינטער דער ביהנע. הונדערטער איינצעלהייטען אין די קאָסטיומען און אין סינערי וואַרפען זיך אין די אויגען און איהר ווייסט אַז יעדע האָר, די קלענסטע קלייניגקייט איז פּונקט ווי עס איז געווען אין דער ווירקליכקייט מיט דריי אָדער פיער הונדערט יאָהר צוריק.

איבערהויפּט מוז מען ווענען דיזער פאַרשטעלונג בעמערקען דאָס פאָלגענדע: די סינערי איז אזא רייכע און צוגעפּערטיגט מיט אזוי פיעל קינסטלערישע זאָרג און קאָסטען; די צאָהל פון מענשען אויף דער ביהנע איז אזוי גרויס און זייערע קאָסטיומען זיינען אזוי פערשיעדענאַרטיג און אזוי פּינקטליך ריכטיג פון היסטאָרישען שטאַנדפּונקט, אז אין סך הכל קומט ארויס א פאַרשטעלונג, וועלכע איז פיעל, פיעל צו קאָסטבאַר פאַר א דראַמאַטישען טהעאַטער. אין דער אָפּערא זעהט מען יאָ אזעלכע רייכע עפעקטען, און דאָס נאָר אין דעם אויסערליכען זין פון דעם וואָרט. אַז אין א דראַמא זאָלען געגעבען ווערען אזעלכע קאָסטיומען מיט אזעלכע

סינערים — דאָס איז אַן אונערהערטע זאַך, אין אַמעריקאַ וועניגסטענס. דאָס איז נאָר מעגליך פאַר אַ טהעאַטער, וואָס לעגט אַפּ זיין לעבען ניט אויף צו מאַכען געלד, נאָר אויף צו ארבייטען פאַר דער קונסט, ווי דאָס איז געווען די געשיכטע פון דעם מאָסקווער קונסט־טהעאַטער וועלכער געפינט זיך איצט ביי אונז.

אָבער דאָס אַלץ איז שייך צו דער אויסערליכער זייט פון דער פאָר־שטעלונג. לאָמיר באַטראַכטען איהר אינערליכען עיקר. מיר ווילען דאָס צוטיילען אויף דריי ענינים:

1) דאָס שפּילען פון דער קאָמפּאַני אין דיזער פּיעסע ספּעציעל.

2) דער „אַנסאַמבל" אָדער דאָס צוזאַמענשפּילען פון אַלע אַקטיאָ־רען אין איינעם (ניט האָבענדיג אין זינען ווי דער אָדער יענער אַקטיאָר פיהרט דורך זיין ראָלע).

3) ווי אַזוי יעדער פון די וויכטיגע שוישפּילער שפּילט זיין ראָלע.

מיר ווילען רעדען דאָ וועגען דעם ווי עס ווערט געשפּילט אין דיזער פּיעסע ספּעציעל, ווייל דיזע היסטאָרישע דראַמע איז געשריבען געוואָרען אין פערזען; אָהן גראַמען, אָבער אין פערזען. אויף אַזאַ שטייגער זיינען פאַרפאַסט דאָס רוב פון שעקספּיער'ס ווערק. דאָס איז וויכטיג צו האָבען אין זינען צוליעב די פאָלגענדע אורזאַכען: ווען אַ פּיעסע ווערט געשריבען אין פערזען, ווערט זי געוועהנליך דעקלאַמירט אויף דער ביהנע. אויסצודריקען פערזען איינפאַך, ווי מענשען רעדען געוועהנליך —דאָס איז כמעט אונמעגליך; אַזוי, וועניגסטענס, גלויבט מען. אויב עס איז געשריבען אין אַ פּאָעטישע פאָרמע, בעט זיך, אַז מען זאָל די שורות אויסרעדען ניט אויף אַ נאַטירליכען, וואָכענדיגען שטייגער, נור דעקלאַמירען, „ריסייטען", לעזען אַזוי ווי האַלב־צו־זינגענדיג. ענגלישע אָדער אַמעריקאַנישע אַקטיאָרען דעקלאַמירען אפילו ווען זיי פרעגען ווי שפּעט עס איז.

רעדען אויף דער ביהנע מיט נאַטירליכע טענער ווי מען רעדט אין אמת'ן לעבען, דאָס איז אַ זעהר־זעהר זעלטענע זאַך. היינט וואָס זאָל מען שוין רעדען וועגען די אַקטיאָרען וואָס שפּילען אַ דראַמאַ וועלכע איז געשריבען געוואָרען אין פערזען? דאָס האָט שוין, דאַכט זיך, גאָט אליין געהייסען דעקלאַמירען.

אָבער דיזע מאָסקווער קאָמפּאַני דעקלאַמירט כמעט ניט, אפילו אין דיזער היסטאָרישער דראַמע פון אַלעקסעי טאָלסטאָי. אפילו אין די פּלע־צער וואו זיי דעקלאַמירען אייגענטליך יאָ, פיהלט זיך דאָס אויך ניט, וואָרים דאָס זיינען אַזעלכע פּעלע וואו מענשען האַלטען אומגעפעהר אַ רעדע פאַר אַ קעניג אָדער פאַן אַן עולם, אָדער זיי ריידען מיט אַ פייער־

ליכע שטימע איינע צו די אנדערע, וואָס דאַן רעדט אַ מענש ניט מיט אַ וואָכענדיגען טאָן. אפילו דיזע וויכטיגע רייד, זאָגען די מאָסקווער שווישפּילער מייסטענס אויף אַזאַ נאַטירליכען שטייגער, אַז עס פיהלט זיך ניט קיין דעקלאַמאַציע. זיי רעדען ווי מען וואָלט אין דער ווירקליכ־קייט גערעדט אין אַזעלכע פעלע. איהר פאַרגעסט גאָר, אַז עס איז פאַראַן אַזאַ זאַך ווי אַ „רעסיטיישאָן" אויף דער וועלט.

און וואָס אַנבעטרעפט די הויפּט ראָלע פון צאַר פיאָדאָר אַליין, וועל־כער געפינט זיך אויף די ביהנע כמעט דעם גאַנצען אָוועגד און הערט כמעט ניט אויף צו רעדען, איז אפילו קיין שפור פון דעקלאַמאַציע ניטאָ. ער געפינט זיך אין פאַרשידענע שטימונגען. אָפּט אין עטליכע שטי־מונגען אין אַ פּאָר מינוט. דאָס איז אַן אונגעוויינליכער מענש מיט אַ זעהר גוטע, געפיהלפולע נאַטור און מיט אַ זעהר שוואַכען כאַראַקטער; די ווערטער, די אויסגעשרייען, דער געלעכטער און דער געוויין געהט ביי איהם פון הארצען. און דאָס אַלץ גיט דער שווישפּילער איבער מיט אַזוי פיעל טאַלאַנט, אַז עס דאַכט זיך אייך ער לעבט דאָס טאַקי איבער פאַר אייך, אָט דאָ אויף דער ביהנע פון דזשאָלסאָן טהעאַטער.

קיין שפור פון דעקלאַמאַציע הערט איהר ניט. איהר זעהט אַ לע־בעדיגען מענשען אין מערקווירדיגע מאָמענטען, פול מיט געפיהלען וועלכע בייטען זיך זעהר שנעל. אַ מענש; קיין צייכען פון אַן אַקטיאָר.

אין מיינע קריטישע איבערבליקען איבער דער אידישער ביהנע קומט מיר אָפּט אויס צו שרייבען וועגען דיזען ענין — ווי אַזוי מען דאַרף רעדען אויף דער ביהנע: רעדען ווי מענשען אין אמת'ן לעבען און ניט ווי אַ פאַרלעזער אויף אַ קאָנצערט אָדער ווי אַ בדחן אויף אַ חתונה. זאָלען אונזערע אידישע שווישפּילער געהן זעהן ווי דיזע מאָסקווער טרופּע שפּיעלט; זאָלען זיי זיך צוהערען צו די טענער פון דיזע אַקטיאָרען. גאַנץ אייראָפּאַ נעהמט זיך אַראָפּ אַ מוסר פון זיי. זאָלען אונזערע אידישע אַקטיאָרען אויך אַזוי טאָן. הויפּטזעכליך אין בעצוג צו דער פראַגע וועגען דעם ווי מען דאַרף רעדען אויף דער ביהנע. איך וויים, אַז עס איז ניט קיין לייכטער לעסאָן. אַ גוטער ווילען איז נאָך ווענינ. צו רעדען אויף דער ביהנע ווי אַן אמת'ער מענש — דערצו מוז מען האָבען טאַלאַנט. אָבער אַקטיאָרען מיט טאַלאַנט האָבען מיר ניט ווייניג. זיי דאַרפען זיך נאָך לערנען ווי זייערע קינסטלערישע קרעפטען צו געברויכען.

איצט קומען מיר צו דעם „אַנסאַמבל", דעם „צוזאַמענשפּילען". ווען אויף דער אידישער ביהנע דאַרף מען האָבען אַן עולם, קומט ער אריין אויף דער ביהנע מיט איין קלאַפּ, עס גיט זיך אַ לאָז אַ קראַוד פון

כאַריסטען און כאַריסטקעס און „סופּערס“, אַלע מיט אַמאָל; און ווען מען דאַרף זיי ניט מעהר, פאַרשווינדען זיי אַלע מיט אַמאָל. די סצענע מעג פאָרקומען אויף׳ן סטריט. ווען דער העלד מיט דער העלדין דאַר־פען זיך ערקלעהרען אין ליעבע, ווערט די גאַס פּוסט. דער סטיידזש־מענעדזשער שטעלט אָפּ די גאַנצע „טרעפיק“ און הינטער דער ביהנע שטעהען מסתמא פּאָליסלייט און לאָזען קיינעם ניט דורך. ווען מען דאַרף אָבער האָבען אַן עולם, לאָזט זיך די גאַנצע קראַוד פּלוצלונג אריין; און פּונקט אַזוי פּלוצלונג פאַרשווינדט זי. אַלע ווייסען אַז דאָס איז לעכערליך. אַלע זעהן, אַז עס איז ניט מעהר ווי „כלומרשט“. אָבער אַזוי געהט שוין דאָס. און בשעת די קראַוד שטעהט אויף דער ביהנע און די כאַריסטען דאַרפען ניט טאַנצען, שטעהען זיי ווי אַ באַנטש מיט פּלעקער. זיי ריהרען זיך ניט פון אָרט, נאָר דער אַקטיאָר וואָס דאַרף רעדען, רעדט, די איבעריגע זיצען אָדע שטעהען ווי פאַרשטיינערטע. אַלע ווייסען אַז דאָס איז אוננאַטירליך. אָבער אַזוי געהט שוין דאָס.

גאַנץ אַנדערש איז ביי די מאָסקווער. ווען איהר זעהט אַ קראַוד אויף דער ביהנע איז דאָס אַן אמת׳ער קראַוד. עס גלויבט זיך אייך גאָר ניט, אַז דאָס זיינען אַקטיאָרען. יעדער שוישפּילער, וואָס געפינט זיך אויף דער ביהנע, שטעלט מיט זיך עפּעס פאָר און אַלעס צוזאַמען מאַכט דעם איינדרוק, ווי דאָס איז אַ שטיקעל ווירקליכקייט. ווען איינער האַלט אַ רעדע זעהט איהר ווי אַזוי די רעדע ווירקט אויף זיי. אויף איינעם אַזוי, אויף אַ צווייטען אַנדערש און אויף אַ דריטען אַנדערש. יעדער האָט אַ ראָלע און אַלע צוזאַמען שטעלען פאָר אַ נאַטירליכע קראַוד. איך האָב געקוקט אויף די פּנים׳ער און איך האָב געזעהן די ווירקונג פון דער רעדע. עס האָט זיך גערוכט, אַז דעם רעדנער׳ס ווער־טער האָבען ווירקליך ארויסגערופען פערשיעדענע געפיהלען צווישען זיינע פאַשיעדענע צוהערער.

און דער כאַראַקטער פונ׳ם עולם גופא!

אויף דער אידישער ביהנע אָדער זאָגאָר אויף דער ענגלישער ביהנע, ווען איהר זעהט אַ „מאָב“ האָבען כמעט „אַלע יונים איין פּנים“. עס דוכט זיך אייך אַז זיי זיינען אַלע פון איין עלטער, אַז זיי טראָגען אַלע די זעלבע בגדים. זיי זיינען אַלע דער זעלבער בלאָף. ביי די מאָסקווער אין יעדער מאַן אָדער פרוי אין דער קראַוד אַ באַזונדערע פּערזענליכקייט, מיט אַ פּערזענליכען „איך“. איהר זעהט דאַ זעהר אַלטע, זעהר יונגע, מיטעל יעהריגע; מענשען מיט שעהנע פּנים׳ער, מענשען מיט מיאוס׳ע, נארישע פּנים׳ער, פאַרשידענע כאַראַקטערע, פאַרשידענע טיפּען. די קליידער זיינען ביי יעדען גאַנץ אַנדערע. און דאָס האַלטען זיך איז ביי יעדען אַנדערש.

דאָס אַלץ איז דורכגעשטודירט פון דעם קונסט מענעדזשער סטאַני־סלאַווסקי און זיינע מיטאַרבייטער אויף אַן עכט אַרטיסטישען שטייגער און ניט זשאַלעווענדיג קיין מיה און קיין צייט. רעדט מיט אַן אַמערי־קאַנער מענעדזשער וועגען דעם, וועט ער אַ שמייכעל טהון: „שעהנע ביז־נעס וואָלטען מיר דאָ געטאָן", וועט ער אייך זאָגען, „ווען מיר וואָלטען אָפּגעגעבען אַזוי פיעל צייט און אַזוי פיעל געלט אויף אַזעלכע קלייניג־קייטען".

און איצט קומען מיט צו דער פראַגע וועגען דאָס שפּילען פון יעדען וויכטיגען אַקטיאָר באַזונדער. די הויפּט ראָלע פון דעם צאַר פיאָדאָר האָט מאָסקווין. דאָס איז אַ זעהר פילפאַכע ראָלע, פול מיט פאַרשידענע געפיהלען, פאַרשיעדענע שטימונגען. פאַר אַזאַ ראָלע קען זיך אַבי וועלכער אַקטיאָר ניט נעהמען. מען דאַרף זיין אַ שוישפּילער פון ערש־טען קלאַס און מיט אַ גרויסע, גרויסע ערפאַהרונג אום אפילו צו סמעיען וועגען אַזאַ ראָלע צו דענקען. מאָסקווין שפּיעלט דיעזע אונגעהויער־שווערע ראָלע ניט נאָר ווי אַ קינסטלער פון ערשטען קלאַס, נאָר ווי איינער פון די גרעסטע קינסטלער, וואָס מיר קענען זיך פאָרשטעלען איצט אויף דער וועלט.

מיט אַ יאָהר פופצעהן צוריק האָבען מיר אַלס צאַר פיאָדאָר געזעהן דעם בעריהמטען רוסישען אַרטיסט אָרלעניעוו, וועלכער האָט מיט דיזע ראָלע זיך באַריהמט געמאַכט אין רוסלאַנד. (די ראָלע פון דער באַרינא האָט דאַן געשפּיעלט נאַזימאָווא, וועלכע איז איצט באַריהמט אַלס מו־ווינג פּיקטשור סטאַר און אַלס שוישפּילערין אויף דער ענגלישער ביהנע.) אָרלעניעוו איז אין דער ראָלע געווען וואונדערליך. אין אַ געוויסער בע־ציהונג קען מען זאָגאר זאָגען, אַז זיין שפּילען האָט געהאַט אַ מין מאַגנע־טיזם, וועלכען מאָסקווין צייגט ניט ארויס. אָבער מאָסקווין'ס פאָר־שטעלונג און אַ טיפערע און זי האָט אין זיך מאַסען פאַרבפולע איינ־צעלהייטען, וועלכע ביי אָרעלניעווען האָבען געפעהלט. און אין סך הכל גיט ער אייך אַ פאָלשטענדיגערע, דעליקאַטערע, רייכערע און וויכ־טיגערע שילדערונג פון דיזען מערקווירדיג אינטערעסאַנטען טיפּ.

עס זיינען ניטאָ קיין ווערטער אויסצודריקען די ענטציקונג וועלכע מאָסקווין האָט ארויסגערופען אין דעם, וואָס שרייבט דיעזע צייל;ען. עס איז כמעט ניט געווען קיין איין מאָמענט וואָס מען זאָל מיט אַלע חושים וויסען, אַז דאָס איז אַן אַקטיאָר און ניט קיין אמת'ער צאַר פיאָדאָר. די ראָלע איז איינע פון די אינטערעסאַנטסטע און מערק־ווירדיגסטע אין דער דראַמאַטישער ליטעראַטור. די שטימונג און גע־דאַנקען פליהען ביי דעם אונגליקליכען צאַר אַזוי שנעל איינע נאָך די

אנדערע, און דער שוישפּילער האָט דאָס אַלעס אַזוי דורכגעלעבט פאַר די אויגען פון דעם עולם, אַז עס איז כמעט אונמעגליך געווען צו גערענ־קען אַז דאָס איז שוישפּילעריי.

ווען הונדערטע פאַרשיעדענע בילדלאַך פליהען אין מואווי האסטיג איינע נאָך דער אַנדערע, גיסען זיי זיך אַזוי צונויף אין אייער באוואוסט־זיין, אַז איהר זעהט אַ לעבעדיגען אמת'ן מענשען; עהנליכעס איז געווען, ווען מאָסקווין האָט געשפּיעלט דעם פאַרצייטיגען צאַר.

דערביי קען אַן אַקטיאָר זיך מיט'ן קאָפּ ניט באַנוגענען. מיט'ן מוח אליין קען מען אַזעלכע רעזולטאַטען ניט שאַפען, ווען מען זאָל אפילו זיין מיט טויזענד קעפּ. מען דאַרף האָבען קאָפּ, אינטעליגענץ, פאַרשטאַנד; אָבער נאָך מעהר דאַרף מען האָבען אַ וואונדערבאַרע איינבילדונגס־קראַפט, אַ וואונדערבאַרען טאַלאַנט. מאָסקווין האָט דאָס אַלץ.

די ראָלע פון דער צאַרינא (דעם צאַר'ס ווייב) האָט געשפּיעלט די וויכטיגע שוישפּילערין פון דער קאָמפּאַני, מאַדאַם קניפּער (די אלמנה פון דעם גרויסען רוסישען שריפטשטעלער טשעכאָוו). דאָס איז אַ קליינע ראָלע אָבער דאָס וואָס עס איז געווען צו טהאָן האָט זי געטהאָן ווי אַן אמת'ע קינסטלערין. זי האָט זיך געהאַלטען ווי אַן אמת'ע קייסערינע אונטער די אומשטענדען צו וועלכע זי האָט באַלאַנגט. מאַדאַם קניפּער'ס וויכטיגערע ראָלען זיינען אין טשעכאָוו'ס פּיעסען, וועלכע דער גרויסער שריפטשטעלער האָט געשריבען האָבענדיג איהר ספּעציעל אין זינען: דער „קאַרשען גאַרטען“ און די „דריי שוועסטער“.

פון די אַנדערע מענער האָבען די צוויי וויכטיגסטע ראָלען געהאַט די שוישפּילער ווישנעווסקי און לוזשסקי — הויפּטזעכליך ווישנעווסקי. ער שטעלט פאָר באָרים גאָדונאָוו, דעם צאַר'ס שוואָגער, דעם אינטרי־גאַנט, וועלכער ווערט שפּעטער אַליין צאַר. אין דיזער ראָלע איז ניטאָ קיין סך צו שרייען, עס איז אָבער דאָ אַ היבש ביסעל וואָס צו טהאָן און ווישנעווסקי האָט אַלץ ערפילט ווי אַן אמת'ער קינסטלער. וויש־נעווסקי איז אַ איד און ער פאַרנעהמט איינע פון די סאַמע וויכטיגסטע פּלעצער אין דער וועלט באַריהמטער קאָמפּאַני. זיין ראָלע אין דיזער פּיעסע איז אַזוי וויכטיג אַז ביי דער ענדע פון דער פאָרשטעלונג, ווען דער עולם האָט די שוישפּילער אַרויסגערופען אפשר צעהן מאָל, איז יעדעס מאָל געקומען זיך נויגען מאָסקווין, מאַדאַם קניפּער און ער, ווישנעווסקי. ער האַלט זיך מערקווירדיג גוט, מיט אַ שטאָלצע פאַר־ביסענהייט, דורך וועלכער עס זעהט זיך דורך דער ביטערער אינטריגאַנט און פאַרשווערער, וועלכער זוכט זיינע אייגענע אינטערעסען.

מיט אַ מערקווירדיגער ווירדע האָט ער געשפּיעלט. די, וואָס זיינען

געוואוינט אין א אידען צו זעהען א קינד פון דער געהעטאָ, א זוהן פון א וועלט, וואו מען איז פערפאָלגט, ערנידריגט, נידערשלאָגען, יענע האָט זיך פיליייכט ניט געגלויבט אז דאָס איז א איד.

וועגען ווישנעווסקי'ס שפילען אלס דער צוקונפטיגער צאר באָריס גאָדונאָוו דערצעהלט מען די פאָלגענדע אינטערעסאנטע געשיכטעלע: ווען צאר ניקאָלאי האָט איהם געזעהען אין דיזער ראָלע און נאכהער ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אז ער איז א איד, האָט ער אויסגעדריקט אונצופרידענהייט: סטייטש, א אידען זאָל מען געבען די ראָלע פון איינעם פון די רוסישע צארען! דער אנטוואָרט, וואָס ניקאָלאי האָט באקומען, איז געווען: יא, וואָס זאָל מען אָבער טאָן, אז ער שפילט פאָרט דיזע ראָלע גלענצענד!

לוזשסקי, אין דער ראָלע פון שויסקי, דער הויפט פון דער בארימטער באָיארסקער פאמיליע, איז אויך געווען וואונדערבאר. א הויכער, א שטאָלצער, א פייערדיגער, מיט א גרויסע געדיכטע באָרד, מיט א סליאד פון א וואונד אויף'ן שטערען, און אין זיינע העל־קאָלירטע קליידער, האָט ער מיט זיין פעסטען טאָן און שטאָלצען באנעהמען זיך געמאכט אן אונ־פארגעסליכען עפעקט.

* * *

די דראמא איז א היסטאָרישע און ווי איך האָב שוין געזאָגט, שטעלט זי מיט זיך פאָר אינטערעסאנטע קאפיטלעך אין דער געשיכטע פון רוס־לאנד. עס איז א זעלטען שטארקע דראמע, פול מיט פארב, פול מיט אמת'ען דראמאטישען אינטערעס.

ניו יאָרק האָט אזא פארשטעלונג קיינמאָל ניט געזעהן און די אמערי־קאנער קריטיקער זיינען זיך מודה אין דעם מיט'ן גאנצען הארצען.

ווער האָט געשפּיעלט בעסער די ראָלע פון צאַר פיאָדאָר?

מאָסקווין אָדער קאַטשאַלאָוו?

די אמעריקאנער טעאטער מענשען האָבען ווידער א נייעס וועגען דער מאָסקווער קאָמפּאני. ווידער א נייעס וועלכע רופט ארויס זייער בעגייסטערונג. די גרויסע, מערקווירדיגע ראָלע פון צאר פיאָדאָר, אין וועלכער מאָסקווין האָט זיך אזוי אויסגעצייכענט, האָט מיט צוויי אָוועגדען שפּעטער געשפּיעלט קאטשאלאָוו פון דערזעלבער קאָמפּאני. דיזען פאקט לויבען די אמעריקאנער קריטיקער אלס א באוויז פון זעלבסט אויפּאָפּפערונג און פרייהייט פון עגאָאיזם, וועלכע איז אן אונגעוועהנליכע ערשיינונג אין דעם היגען טהעאטער־לעבען. אין אמעריקא וואָלט א סטאר קיינמאָל ניט ערלויבט אזא זאך. אויב ער האָט זיך בעריהמט געמאכט אין א געוויסע ראָלע, וואָלט ער ניט צוגעלאָזען אז אין דער זעלבער קאָמפּאני זאָל די זעלבע ראָלע געשפּילט ווערען פון אן אנדערען. א גרויסע ראָלע, מיט וועלכע א שוישפּילער מאכט זיך א נאָמען, ווערט בעטראכט פון איהם ווי א טייערע שטיק אייגענטום זיינע. אָפּטרעטען דאָס אן אנדערען? אויף קיין פאל ניט! דער סטאר שפּיעלט די ראָלע יאָהרען לאנג, און אויב ער ווערט קראַנק שפּיעלט מען די פּיעסע אין גאנצען ניט. און דאָ בייט מען זיך גאָר! צוויי אָוונטען שפּיעלט מאָסקווין און די נעקסטע צוויי אוונטען שפּיעלט קאטשאלאָוו. נאָר אין א טעאטער וועלכער איז אָפּגעלעגט אויף די אינטערעסען פון קונסט און ניט אויף געלט, און ניט אויפ'ן כבוד פון די איינצעלנע אַקטיאָרען—נאָר אין אזא טעאטער איז דאָס מעגליך. מורא האָבען פאר די „דזשעלעסי" וואָס איין אַקטיאָר וועט פיהלען צום אנדערען וואָס שפּיעלט די זעלבע ראָלע ווי ער—וועגען אזעלכע זאכען איז אין דעם מאָסקווער קונסט־טעאטער קיינמאָל קיין רייד ניטאָ. וואָס עס טהוט זיך ביי די אַקטיאָרען אין די הערצער ווייסען מיר, נאַטירליך ניט. אָבער דער אַלגעמיינער גייסט איז א שעהנער און ערהאבענער.

די מיטגלידער פון דער מאָסקווער קאָמפּאַניע ארבייטען פאר זייער טהעאַטער מיט דער איבערגעבענהייט און באגייסטערונג, מיט וועלכע מען ארבייט פאר א הייליגע זאך, פאר א רעוואָלוציאָנערע באוועגונג, למשל.

ניט אלע האָבען דאָ געוואוסט אז קאטשאלאָוו וועט שפּיעלען די ראָלע. פיעלע פון די, וואָס האָבען יאָ געוואוסט, האָבען זיך גלייך א וואָרף געטהון קויפען טיקעטס, אויב זיי האָבען נאָר געקענט קריגען, אום צו זעהען ווי קאטשאלאָוו וועט שפּילען דיזעלבע ראָלע אין וועלכער זיי האָבען געזעהן מאָסקווינען. איצט טהוט זיך אָפּ מעשים. אין הונ־דערטער הייזער הערט מען ניט אויף צו דעבאטירען וועגען די צוויי בעריהמטע אַקטיאָרען, זיי צו פערגלייכען, אָנצואווייזען אויף די פער־שיעדענהייטען אָדער די עהנליכקייטען אין דעם ווי זיי שפּילען אלס „צאַר פיאָדאָר“.

איידער מיר וועלען איבערגעבען אונזער מיינונג וועגען דעם ענין, וועלען מיר דערצעהלען דעם לעזער דאָס פאָלגענדע: אין מאסקווע האָט קאטשאלאָוו די דערמאָנטע ראָלע קיינמאָל ניט געשפּיעלט. ער האָט זיך פאר איהר גענומען ערשט דאָ וועז די קאָמפּאַני האָט אָנגעהויבען ארומ־רייזען איבער אַנדערע לענדער. אויף א געוויסע צייט איז די קאָמפּאַני פונאַנדערגעטיילט געוואָרען, און קאטשאלאָוו און מאָסקווין האָבען זיך געפונען אין פערשיעדענע שטעדט. דאַן איז קאטשאלאָוו'ען אויסגע־קומען צו שפּיעלען „צאַר פיאָדאָר“. ער האָט דורכשטודירט די הויפּט־ראָלע און איהר פאָרגעשטעלט. מאָסקווין האָט איהר געשפּיעלט נאָהענט צו צוואַנציג יאָהר. ער איז אין איהר א ספּעציאליסט, קען מען זאָ־גען. קאטשאלאָוו איז אין פערגלייך מיט איהם א גרינגער אין איהר.

די אַמעריקאַנער קריטיקער זוכען אויפצואווייזען אויף אַן אונטער־שיעד אין דער ארט ווי אַזוי יעדער פון די צוויי טאַלאַנטפולע שוישפּי־לער האָט די ראָלע אויסגעטייטשט. זיי זאָגען, אז מאָסקווין האָט פער־שטאַנען די ראָלע אויף ז י י ן שטייגער און קאטשאלאָוו אויף ז י י ן שטייגער.

איך מוז מודה זיין, אז איך זעה אַזאַ אונטערשיעד ניט. לויט מיין מיינונג האָבען זיי די ראָלע פון צאַר פיאָדאָר אויסגעטייטשט מיט דעם זעלבען פּשט. אַי, עס זיינען ארויסגעקומען צוויי פערשיעדענע פאָר־שטעלונגען — שטאַמט דאָס גאָר פון אַנדערע אורזאַכען. ערשטענס, שטאַמט דאָס פון דעם, וואָס די צוויי אַקטיאָרען זיינען צוויי בעזונדערע מענשען מיט צוויי בעזונדערע טעמפּעראַמענטען, מיט צוויי גאַנץ בע־זונדערע קינסטלערישע נשמות. און צווייטענס פון דעם, וואָס איינער האָט אויף דיזע ראָלע אָפּגעגעבען דעם גאַנצען לעבען און דער צוויי־

טער שפּיעלט איהר ווי ער וואָלט געשפּיעלט אירגענד וועלכע ראָלע וואָס ער וואָלט מיט א קורצע צייט צוריק אויפגענומען פאר זיין ביהנע־ארבייט.

איידער מיר געהען ווייטער, לאָמיר ערקלעהרען, אזביידע זיינען וואונדערבאַר אין דער ראָלע און מען מוז זיין זעהען ביידע. איך האָב שוין באַמערקט אין מיין ארטיקעל וועגען מאָסקווינען, אז עס איז א זעלטענע ראָלע, איינע פון די פילפאַכסטע און מערקווירדיגסטע אין דער גאַנצער דראַמאַטישער ליטעראַטור. דאָ וועל איך צוגעבען די באַמערקונג, אז צו זעהען ביידע גרויסע שוישפּילער אין איהר, הייסט צו פאַרגרעסערען און פאַרטיפערען דעם גייסטיגען פערגעניגען וואָס זי פערשאַפט.

און איצט וועגען דעם אונטערשיעד:

איך האָב דאַן קאַטשאַלאָווען געזעהן צום ערשטען מאָל און קור־קענדיג אויף איהם האָב איך ביי זיך אין די געדאַנקען געשטעלט די פראַגע:

ווי וואָלט געווען, ווען איך וואָלט ניט געהאַט קיין בעגריף פון מאָסקווינען און איך וואָלט די פּיעסע פריהער איבערהויפּט ניט געזעהן אויף דער ביהנע? מיין אַנטוואָרט אויף דעם איז געווען:

אין פילע מאָמענטען וואָלט איך גלייך ביי זיך בעשלאָסען, אז איך זעה דאָ פאַר זיך איינעם פון די גרעסטע אַקטיאָרען אין דער וועלט.

קאַטשאַלאָוו'ס שפּיעלען אין דעם ערשטען אַקט איז געווען מעהר אָדער ווענינער בלאַס, צו אלגעמיין, צו אָרים אין קינסטלערישע איינ־צעלהייטען. און דאָך האָב איך אפילו דאַן געפיהלט דעם מאַגנעטיזם פון זיין ביהנע־פּערזענליכקייט. ווען אין דעם ערשטען אַנטראַקט האָט מיינער א פריינד אויסגעדריקט די מיינונג אז קאַטשאַלאָוו איז פיעל שוואַכער ווי מאָסקווין, האָב איך צו איהם געזאָגט: „האָט געדולד, וואַרט אויף די שטאַרקערע מאָמענטען אין דער פּיעסע!“

און ווירקליך: ווען עס פאַנגט זיך אָן דער דראַמאַטישער קאַמף און דער אונגליקליכער צאַר פיאָדאָר, דער גוט־האַרציגער שוואַכלינג, דער שטיק צרה מיט דער גאָלדענע נשמה, אָבער אָהן א ברעקעלע כאַראַקטער, ווען ער הויבט זיך אָן צו וואַרפען און ווייזט ארויס דעם ווידערשפּרוך פון זיין אינטערעסאַנטער נעבעכדיגער פּערזענליכקייט, דאַן זיינען גע־ווען מאָמענטען, ווען קאַטשאַלאָוו האָט זיך אויפגעהויבען צו דער הויך פון א קינסטלער־ריעז.

ווען איהר וועט נעהמען די גאַנצע פאָרשטעלונג אין איהר סך־הכל, איז מאָסקווינ'ס צאַר פיאָדאָר א פילפאַכערער, דעליקאַטערער און פאָל־

שטענדיגערער פּאָרטרעט ווי קאַטשאַלאָוו׳ס; אָבער אין די גרויסע שטע־לען ווען פון דעם אומגליקליכען צאַר רייסען זיך ארויס געשרייען, זיינען פאַראַן מאָמענטען, וואו קאַטשאַלאָוו׳ס פאָרשטעלונג ברענגט אייך אריין אין אַ העכערער מדרגה פון התלהבות ווי די זעלבע מאָמענטען אין מאָסקווינ׳ס צאַר פיאָדאָר.

קאַטשאַלאָוו׳ס צאַר פיאָדאָר שמייכעלט צו ווייניג. איך מיין יענעם ספּעציעלען שמייכעלע, וואָס ווייזט ארויס אי זיין גוטסקייט אי זיין נארישקייט און כאַראַקטערלאָזיגקייט.

נארישקייט? — אין גרונד גענומען פּאַסט זיך דער וואָרט ניט. וואָרים דער געקרוינטער נפש׳ל פערשטעהט אַ סך מעהר ווי מען וואָלט געקענט מיינען. אָבער שכל אָהן כאַראַקטער איז ווי אַצובראָכענע כלי. און כאַראַקטער פעהלט איהם אין גאַנצען. דעריבער דוכט זיך, אַז ער איז אַ גרויסער נאַר.

אין דאָסטאָיעווסקי׳ס בעריהמטען ראָמאַן „דער אידיאָט“ ווערט פאָרגעשטעלט אַ מענש, וועלכער מאַכט דעם איינדרוק פון אַ גרויסען שוטה, אָבער וועלכער איז אינערליך קליגער ווי די קליגסטע. ער איז אייגענטליך טאַקע אַ נאַר, אָבער, אויב מען וויל דעם וואָרט חכם גע־ברויכען אין אַ העכערען זין ווי ער ווערט געברויכט אין אונזער וואָכע־דיגען, ביליגען טעגליכען לעבען איז ער אַ חכם אויך. פאָרצושטעלען אַט דיעזע סאָרט דאָפּעלטקייט — דאָס איז איינע פון די ספּעציאַליטעטען פון דער רוסישער ליטעראַטור. זי איז געווען די ערשטע צו בעטראַכטען די ווידערשפּריכע וואָס ליגען אין די טיפענישען פון דער מענשליכער נאַטור. אין דעם „צאַר פיאָדאָר“ האָט דער פּערפאַסער (אַלעקסעי טאָלסטאָי) אין אַ געוויסען גראַד, פאָרגעשטעלט אַט אַזאַ מין טיפּ ווי דאָסטאָיעווסקי׳ס „אידיאָט“.

דער צאַר־פיאָדאָר שמייכעלע, דער קינדערש־גוטער, דער קלוג־אידיאָטסקע שמייכעלע קומט ביי מאָסקווינען ארויס אַלע ווייַלע, און ער פּאַסט זיך אומעדום; מען דאַרף איהם אומעדום האָבען. ביי קאַ־טשאַלאָווען אָבער זעהט ער זיך אַ סך זעלטענער. דער רעזולטאַט איז, אַז קאַטשאַלאָוו׳ס צאַר פיאָדאָר איז אַ סעריעזער, און דערפאַר קומט די טראַגעדיע מאָמענטענווייז ביי איהם ארויס טיפער.

דאָס האָט אָבער אבסאָלוט ניט צו טהון מיט אויסטייטשונג. עס שטאַמט פון די פערשיעדענע טעמפּעראַמענטען פון די צוויי שוישפּילער און אויך פון דעם שטייגער, אויף וועלכען זיי האָבען זיך צוגעגרייט צו זייערע ראָלען.

צאַר פיאָדאָר איז אַ מענש אָהן גאַל. ער וויל נאָר מאַכען שלום צווי־

שען מענשען; ער קען ניט פארטראָגען קיין קריגעריי; ער קען קיינעם ניט ענטזאָגען, ער קען זיך ניט שטעלען דאגעגען. דאָס איז די הויפּט אורזאכע, פארוואָס עס איז איהם אזוי לייכט איבערצורעדען, אויף איהם אַן איינפלוס צו האָבען. אָבער אָט קומט אַ מאָמענט ווען ער פערליערט זיין געדולד, און דאַן הויבט ער אַן צו גוואַלדעווען און צו שרייען מיט ווילד-בייזע קולות. אָבער פון זיין „שטארקען" שרייען גופא זעהט מען אַז דאָס איז אַ שוואכער מענש—אַ מענש אָהן כאראקטער, אָהן בעדייטונג. עס וואָלט זיך אייך וועלען לאַכען פון זיין שרייען, עס איז אָבער אַזוי טראגיש.

אין איין פּלאַץ הויבט ער אַן צו שטורמען: „בין איך קיסר, אָדער בין איך ניט דער קיסר?" נאכהער צושרייט ער זיך היסטעריש אויפ'ן קול און קלאַפּט מיט די פויסטען: „איך בין דער קיסר. איך וועל אייך שוין ווייזען, אַז איך בין דער קיסר!"

שוין פון דעם שרייען אַליין, אַן און פאר זיך, ווערט קאָמיש. אַ קיסר, וואָס דאַרף אַלעמען דערמאָנען אַז ער איז דער קיסר! יאַ, קאָמיש. אָבער די קאָמעדיע איז נאָר אַ הייטעל, וועלכע איז אָנגעגאָסען מיט טראגעדיע. ווען קאטשאַלאָוו האָט זיך צושריען מיט דיזע ווערטער, האָט איהר פאר זיך געזעהן אַ וואונדערבארען ביישפּיעל פון דראמאטישע קראפט און דראמאטישע קונסט. דער שרייבער פון דיזע שורות האָט בוכשטעבליך געציטערט מיט יעדען גליד, געציטערט פון רחמנות און פון דעם טיעפען איינדרוק וואָס קאטשאַלאָוו'ס קונסט האָט אויף איהם געמאכט.

יאַ, מען מוז זעהןביידע שוישפּילער אין דער ראָלע. ביידע זיינען וואונדערבאר, יעדער אויף אַן אַנדער שטייגער.

אַ פארגלייך איז אויך צו מאכען אין דער ראָלע פון איוואַן שויסקי. די ערשטע צוויי אָווענדען האָט דיעזע ראָלע געשפּיעלט לוזשסקי. דאָנערשטאג איז אין איהר ערשיענען סטאַניסלאַווסקי אַליין, דער גרינדער און דירעקטאָר פון דער קאָמפּאניע. וואָס מיר האָבען געזאָגט וועגען מאָסקווין און קאטשאַלאָוו קען מען דאָ איבערזאָגען: זיי האָבען געשפּיעלט פערשיעדען, אָבער יעדער גלענצענד.

די ראָלע פון דעם צאר'ס פרוי האָט אַנשטאָט מאדאם קניפּערטשעכאָוו געשפּיעלט פּאשענאיא. זי האָט וועניגער ערפאהרונג ווי די ערשטע, אָבער איהר שעהנע, קלאָרע אויסשפּראך האָט געצווינגען אויפמערקזאמקייט און אין סך-הכל האָט זי ניט געמאכט קיין שלעכטען איינדרוק.



די הויפּט מיטגלידער פון דעם מאָסקווער טהעאַטער

אינהאַלט פון „נאַ דניע“

די האַנדלונג קומט פאָר אין א גרויסער רוסישער שטאָדט, אין א קעלער שטוב וואָס ווערט אויפגעהאַלטען פון מיכאיל קאָסטילאָוו. דיזער קעלער איז עס דער „האָטעל“ אָדער ווי עס איז בעקאַנט אין דער אמעריקאַנער שפּראַך אלס „הענג אוט“, פאר אלערליי געפאַלענע מענשען, געוועזענע באַראָנען, אריסטאָקראַטען. אין דיזען קעלער שפּיעלען זיך אָפּ אלערליי סצענען: פון ליעבע, אייפערזוכט, ווילדע ליידענשאַפט און מאָרד. אין זעלבען קעלער הערט מען די פילאָזאָפי פון מענשליכען לעבען; מען זעהט זייט ביי זייט אָפּטימיסטען און סקעפּטיקער; אייניגע פארגעטערען דאָס לעבען און אַנדערע שילטען עס מיט טויזענדע קללות און האסען דאָס לעבען. די אָפּטימיסטען האסען דעם טויט. איינע פון די מערקווירדיג שעהנע סצענעס איז יענער פארנאַכט, בשעת די זון געהט אונטער. אלע ווערען מיטגעריסען מיט דער פריהלינגס שטימונג און זינגען אין כאָהר „סאָלנצע ווסכאָדיט אי זאַכאָדיט“ (די זון געהט אויף און געהט אונטער, אָבער מיין לעבען איז פינסטער ווי אין טורמע). פּונקט ווי קאָסטילאָוו ווערט פאָרגעשטעלט אלס ברוטאַלער ווילדער מענש, אזוי ווערט א צווייטער מענש אין זעלבען קעלער, דער אלטער וואַנדערער, לוקא, פאָרגעשטעלט א ווייכער, גוט־הערציגער — ממש א מלאך. אין קעלער ווייזט אויך גאָרקי צווייערליי ליעבעס — ריינע, הימעלשע און ווילדע טייפעלשע. גאָרקי ווייזט אין זיין „נאַ דניע“ דעם אפּגרונד פון מענשליכען לעבען. אפּילו די וואָס זיינען אַמאָל געוועזען „אויף’ן פערד“ און ליגען איצט טיעף אין דער ערד, האָבען אַלע פּרעטענזיעס אויף’ן לעבען. זיי זיינען אלע אונרוהיגע נשמות וואָס ברויזען ווי די ים כוואַליעס. דער באַראָן בעקלאָגט זיך פּונקט ווי נאסטיא די פּראָסטיטוטקע; דער אַקטיאָר איז פּונקט אזוי ניט צופרידען מיט’ן לעבען ווי אליאָשקא דער שוסטער. בלויז דער אלטעטשקער לוקאַ האָט פאר יעדען איינעם א גוט ווארעם וואָרט. און אזוי מישען זיך אוים „אויף’ן אפּגרונד“ פון לעבען, קלאַנגען און אָפּקלאַנגען פון אונרוהיגע נשמות, וואָס וואַנדערען ארום און קענען זיך קיין אָרט ניט געפינען און אייניגע “בעפרייען” זיך דורך זעלבסטמאָרד.

גאָרקי'ס „נאַ דניע"

(אויף די נידריגסטע שטאַפּלען פון לעבען)

מאָנטאג האָט די מאָסקווער טרופּע אויפגעפיהרט איהר צווייטע פּיעסע: גאָרקי'ס פיער־אקטיגע דראמע „נא דניע" (דאָס הייסט מענשען וואָס געפינען זיך אויף די נידעריגסטע שטאַפּלען פון דער געזעלשאפט). אין פיעלע זעהר וויכטיגע באציהונגען איז דיזע פּיעסע דער היפוך פון „צאר פיאָדאָר".

דאָרטען זעהט דאָס פּובליקום א קייזערליכען פּאַלאַץ מיט גלענצענדע, קאָליר רייכע קאָסטיומען. ער האָט פאר זיך א צאר מיט פירסטען. אין גאָרקי'ס פּיעסע, ווידער, זעהט איהר א שמוציגען קעלער מיט טרעמפּס, מענשען אין טראַנטעס, אָבגעלעבטע, פארשטויסענע מיטגלידער פון דער געזעלשאפט. דאָס איז אַן אונטערשיעד צווישען דעם העכסטען געזעלשאפטליכען שטאַפּעל און דעם נידעריגסטען. אין „צאר פיאָדאָר" האָט די אויג פאר זיך שעהנע קאָלירען, געזונטע געזיכטער, סמנים פון זאַטקייט און וואוילטאָג. דאָ, ווידער, האָט זי אָפּגעריסענקייט און אָפּגעשליסענקייט, הונגער, שמוץ און אָרימקייט.

נו, איז געווען די פראגע: אויב דעם אמעריקאנער עולם, וועלכען עס איז אזוי געפעלען געוואָרען „צאר פיאָדאָר", קען אויך געפעלען ווערען דיזע מישעניגע פון שמאַטעס און שמוץ?

דער אָמעריקאנער האָט אויף דער ביהנע ליעב, אז אלץ זאָל זיין ציערליך, מאַניערליך; עס זאָל גלאַנצען און גלימצערען. אפילו אַן אַקטריסע, וואָס שפּיעלט די ראָלע פון א דיענסט, וויל אויף אַן אמעריקאנער ביהנע ניט טראָגען קיין בילינע, אָרימע קליידער. מיט איינינע יאָהר צוריק האָט מען דאָ אויפגעפיהרט א פּיעסע „הינדל וויקס", איינע פון די בעסטע, וואָס זיינען ווען עס איז געשפּיעלט געוואָרען אויף דער ניו יאָרקער ביהנע, איז זי דורכגעפאַלען דערפאר, וואָס די פּערזאָנען אין איהר געהען אָרים געקליידעט. דעם גרעסטען סוקסעס האָט דאָ

שטענדיג אן אַקטיאָר, וועלכער געהט אויף דער ביהנע אָנגעטהון ווי אַן אריסטאָקראַט און ווייס זיך צו האלטען ווי אַן אריסטאָקראַט. קורץ, עס וואָלט ניט געווען צו ווייט-לויפיג צו ערוואַרטען, אַז ביי גאָרקי'ס פיעסע ווערט דער אַמעריקאנער פּובליקום פּאַרקאָרטשען דעם נאָז.

וועלל, צי דער אַמעריקאנער עולם וועט לויפען זעהן „נאַ דניע", ווייס איך ניט. דער ריזיגער טהעאַטער איז געווען געפּאַקט דערשטיקט צו ווערען. און אַן אונגעהויערע מאַיאָריטעט פון דעם עולם איז בעשטאַנען פון רוסישע אידען.

די אַמעריקאנער קריטיקער אָבער זיינען פון דיזער פּיעסע נאָך מעהר ענטציקט ווי פון „צאַר פיאָדאָר". (מיר רעדען דאָ ניט וועגען די שטיק גופא, נאָר וועגען דעם שפּיעלען פון דער מאָסקווער קאָמפּאַני). און דאָס איז א פרעהליכע ערשיינונג. דער בעזוך פון סטאַניסלאַווסקי'ס קאָמ־פּאַני וועט, ווי עס שיינט, האָבען א גוטע ווירקונג — דורך די קריטי־קער — אויף דעם אלגעמיינעם געשמאַק.

נאָר לאָמיר בעטראַכטען די פאָרשטעלונג גופא. אין מיין ערשטען אַרטיקעל וועגען דער אויפפיהרונג פון „צאַר פיאָדאָר", האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם „ענסעמבל", אויף דעם צוזאַמענשפּילען. איך האָב באַטראַכט די קראַוד, וועלכע קומט פאָר אין דער פּיעסע. איך האָב אָנגעוויזען אַז עס איז ניט א געוועהנליכע סטיידזש-קראַוד, נאָר טאַקע אזוי ווי א לעבעדיגע מאַססע, מיט מענשען פון פערשיעדענע עלטערס, פערשיעדענע קליידער, פערשיעדענע טיפּען — מענשען, יעדער פון וועלכע שפּיעלט א ווירקליכע ראָלע. אָט פון דיזע אלע קליינע ראָלעכ־לעך צוזאַמען, פון דיזע אַלע פערשיעדענע מענשען אין איינעם ווערט צוזאַמענגעשטעלט א בילד פון ווירקליכקייט, וועלכע פאַרדיענט די העכסטע לויב געזאַנג. אין „נאַ דניע" האָבען מיר אויך א קראַוד — צום ענד פון דער פאָרשטעלונג, און זי איז נאָך אַן אינטערעסאַנטערע און א העכערע אין א קינסטלערישע באַציהונג, ווי די קראַודס אין „צאַר פיאָדאָר". אָבער וויכטיגער איז, נאַטירליך, דער אַנסאַמבל-שפּילען דאַן, ווען אויף דער ביהנע איז קיין קראַוד ניטאָ; דאַן, ווען דער צו־הערער האָט פאַר זיך א גרופּע פון די אַקטיאָרען וואָס שפּילען די וויכ־טיגסטע ראָלען אין דער פּיעסע.

איהר האָט פאַר זיך עטליכע טרעמפּס, צובראָכענע, פאַרשטויסענע נפשות, וועלכע נעכטיגען אין איינעם פון די צרה'דיגסטע לאָדזשינג הייזער, וואָס מען קען זיך נאָר פאָרשטעלען. יעדער פון זיי איז א בע־זונדערער טיפּ. אזוי איז דאָס אין דעם פערפאַסער'ס ווערק. און יעדער שוישפּילער שפּיעלט דאָ זיין ראָלע אויף אזא אַרט, אַז ער איז א גאַנץ בעזונדערע מענשליכע וועלטעלע; אָבער פון דיזע פערשיעדענע וועל־

טעלעך קומט ארוים א געמיינשאפטליכקייט, וועלכע איז ווירקליך וואונדערבאר.

איך וויל זאגען, אז ניט אלע שוישפּילער האבען ארויסגעוויזען טא־לאנט. א פּאר האבען געשפּיעלט ווי גאנץ מיטעלמעסיגע אקטיארען. עטליכע האבען געשפּיעלט ווי גרויסע קינסטלער, און א פּאר ווי ריעזען; און אפילו די מיטעלמעסיגע האבען מיטגעהאלפען שאפען דעם אלגע־מיינעם בילד; געשטערט האט קיינער ניט. איבערגעפּיהרט זיין ראלע האט קיינער ניט.

דער עיקר איז דאס פאלגענדע: קיינער האט ניט געלאזט פיהלען אזוי ווי ער וואלט געהאט אין זינען אן אפּלאדיסמענט (ווי דאס זעהט מען אויף דער אידישער ביהנע אויף איהר אופן, און אויף דער ענגלי־שער ביהנע אויף איהר אופן). יעדער מאסקווער שוישפּילער טהוט שטרענג זיין ארבייט, און זוכט ניט צו פארכאפּען פאר זיך די אויפ־מערקזאמקייט פון דעם פּובליקום. ער טהוט זיין ארבייט אזוי, אז ער איז א טייל פון אן ארגאניזם, און אלע שוישפּילער צוזאמען שאפען א שטיק לעבען. איהר פיהלט, דאס יעדער בעזונדער איז א בעזונדערע מענשען וועלט און אלע צוזאמען זיינען ווי א לעבעדיגער קערפּער, פון באזונדערע און דאך צוזאמענגעהעפטע לעבעדיגע גלידער.

יעדער וואס אינטערעסירט זיך מיט דעם קונסט־עיקר פון טהעאטער־שפּיעלען, האט אויף דיזען פּונקט געמוזט לייגען די גרעסטע געוויכט. דיזע מעלה האט איהם געמוזט באגייסטערען מעהר ווי אלץ, מעהר ווי די ווירקליך וואונדערבארע טאלאנטען, וואס זיינען ארויסגעוויזען גע־ווארען פון די איינציגע ארטיסטען.

דיזער זארט „אנסאמבל" איז אין אמעריקאנער טהעאטער א זעלטענע זאך. געוועהנליך שפּיעלען די אקטיארען צוזאמען ניט ווי א לעבעדיגער ארגאניזם, נור ווי א מאשין. אין בעסטען פאל איז דאס א צוזאמענ־שטעלונג פון טויטע רעדער און טויטע שרויפען און שרייפלאך. אין ערגערע פעלע זיינען אפילו די רעדער מיט שרייפלאך ניט צוזאמענגע־שטעלט, ווי עס בעדארף צו זיין. עס סקריפּעט; עס גרילצט.

אפּזיצענדיג אין אן אמעריקאנער טהעאטער און צוהערענדיג צו די פראגען און אנטווארטען צווישען צוויי אדער דריי שוישפּילער, פיהל איך אזוי ווי די פראגען וואלטען געקומען פון איין פּאנאגראף און די אנטווארטען פון א צווייטען פּאנאגראף. אויב דער אנטווארט קומט גלייך צו די פראגע, קומט ער צו־גלייך, צו־פּינקטליך, צו־שנעל, מענשען רעדען ניט אזוי. אין דער מאסקווער טרופּע אבער זיינען די פראגען מענשליכע און די אנטווארטען מענשליכע; און זיי פיהרען זיך צונויף מענשליך. און אלע אנדערע מענשען, וואס געפינען זיך דא אין דעם

זעלבען צימער, האַלטען זיך אויך פונקט ווי לעבעדיגע מענשען, וואָס נעהמען אַנטייל אין דער פאָרגעשטעלטער סצענע. עס מאַכט ניט אוים וואָס זיי קומט אוים צו טאָן אָדער זאָגען דערביי.

די קראוד-סצענע וועלכע קומט פאָר ביים ענדע פון „נאַ דניע“, שטעלט פאָר ווי מענשען לויפען זיך צונויף אויף אַ סקאַנדאַל, אַ פאַר־ברעכען. און דערביי איז יעדער מאַנסביל אָדער פרויענצימער אין דיזער קראוד געוועזן אַ בעזונדער טיפּ, אַ בעזונדער שטיק לעבען, און אַלע צוזאַמען זיינען געוועזן אַ רעאַליסטישע „מאָב“ אין דעם בעסטען קינסטלערישען זין פון דעם וואָרט. אזעלכעס האָט קיינער פון אונז אַמעריקאַנער אָדער אַמעריקאַניזירטע קיין מאָל פריהער ניט געזעהן. עס איז געוועזן ווי אַן ענטדעקונג פאַר אונז. וויפיעל מען זאָל דאָס ניט באַוואונדערען, איז אַלץ ווייניג.

איצט וועגען דאָס שפּילען פון די אַקטיאָרען בעזונדער. די מעהרסטע ארבייט האָט געטהון מאָסקווין. ער שפּיעלט די ראָלע פון אַ וואַנדערער, אַן אונוויסענדער פויער אָהן שום בילדונג; ער איז אָבער רייך אין ערפאַהרונג און אין פאַרשטאַנד. ער קען די וועלט מיט איהרע מענשען און ער פאַרשטעהט זיי דורך און דורך. ער איז דער יצר טוב פון דער וועלטעלע, וואָס ווערט דאָ געשילדערט — דער גייסט פון גוטעס, פון געדולד, פון פאַרצייהונג, פון פריינדליכקייט, פון ליעבע. אויף זיין פויערישען שטייגער איז ער אַ פילאָזאָף. ער איז פרום אין דעם בעסערען זין פון דיזען וואָרט. עס הייסט, ער איז פרום צו מענשען, און מענשען זיינען אייגענטליך זיין גאָט.

ער באַווייזט זיך, מען ווייס ניט פון וואַנען, פאַרברענגט אַ געוויסע צייט מיט דיזע פאַרשיעדענע טרעמפּס און פאַרשווינדט — מען ווייס ניט וואוהין. (אין אַמעריקא איז אַמאָל געשטעלט געוואָרען אַ פּיעסע אויף אַן עהנליכע טעמע, הגם אויף אַ גאַנץ אנדער שטייגער; און עס איז ניט אונמעגליך, אַז דער געדאַנק צו איהר איז גענומען געוואָרען טאַקע פון דיזע פּיעסע גאָרקי׳ס).

אין גרונט גענומען, באַשטעהט די ראָלע פון ווערטער — קלוגע ווער־טער, אינטערעסאַנטע ווערטער; אָבער דאָך ניט מעהר ווי ווערטער. צו שפּילען איז דאָ, לויט דעם פאַרפאַסער׳ס ארבייט, פאַראַן ווייניג. אַ טאַלאַנטפאָלער, אינטעליגענטער שוישפּילער קען אָבער פון דיזער ראָלע שאַפען מעהר ווי דער פאַרפאַסער האָט איהם געגעבען. און דאָס טהוט ווירקליך מאָסקווין. דאָ ווייזט ער ווידער ארויס אַן אונגעהויערען טאַלאַנט און ער ווייזט אויך ארויס אַ סך אינטעליגענץ; וואָרים אָהן אינטעליגענץ וואָלט אַזאַ שפּילען ווי זיינער דאָ אונמעגליך געוועזן. דער סך הכל איז אַ זעלטען שעהנער טיפּ, פול מיט אינטערעסאַנטע שטרי־כען. די ליעבליכקייט, די פריינדליכקייט, דער סימפּאַטישער הומאָר

און די אייגען־געבאַקענע לעבענס־פילאָזאָפיע פון „לוקא“ (אזוי הייסט דער אַלטער וואַנדרער) — דאָס אַלץ שאַפט מאָסקווין אויף אַן אונפער־געסליכען שטייגער. ער באַשאַפט אַ טיפּ, וועלכער שטעהט פאַר אייך, אזוי ווי אַ הויך־באַגאַבטער סקולפּטאָר וואָלט איהם פון גיפּס אויסגע־קנאָטען און מיט אַ געטליכען גייסט אין איהם אַ נשמה אריינגעבלאָזען.

ווי מאָסקווין שפּיעלט די ראָלע, ווילט זיך אייך אַלע ווייל דעם אַלטען פויער ארומנעהמען און קושען איהם, קושען מיט אַ פריינדליכען געלעכטער פון באַוואונדערונג און פון ליעבע צו איהם.

איהר קוקט דאָ אויף מאָסקווינ׳ען און איהר פרעגט זיך: צי דען איז דאָס דער זעלבער, וועלכען איהר האָט מיט אַ פּאָר טעג צוריק געזעהן אַלס דער צאַר פיאָדאָר? עס גלויבט זיך פּראָסט ניט. געוויסע אייי־גענטימליכקייטען פון דער שפּראַך לאָזען זיך פיהלען איןביידע פאַר־שטעלונגען. איהר באַמערקט דאָס אָבער קוים. עס איז אַ גאַנץ אַנדער מענש, אַ גאַנץ אַנדערע וועלט. עס גלויבט זיך ניט, עס גלויבט זיך ניט!...

קאַטשאַלאָוו האָט געהאַט די ראָלע פון אַ באַראָן, וועלכער איז פער־טרעמפּעוועט געוואָרען. דאָס איז אַ נפש מיט אַ שוואַכען כאַראַקטער, אַ פייגלינג, אַ הולטאַי, אַ לומפּ, אַ גלייכגילטיגער, אַ פרעהליכער מיט אַ שאַרלאַטאַנסקען הומאָר פון אַ געוויסען סאָרט. די ראָלע איז פיעל קלענערע ווי די ראָלע פון „לוקא“. דאָ איז שוין אָבער פאַראַן וואָס צו שפּיעלען אין דעם סאַמע עיקר פון דעם טיפּ און — אך וואָס פאַר אַ קונסט־ווערק קאַטשאַלאָוו האָט דאָ געשאַפען! אויב איך האָב איהם באַוואונדערט אין דער ראָלע פון צאַר פיאָדאָר, מוז איך איצט זאָגען, אז איך קאָן אבסאָלוט ניט געפינען די ווערטער, וואָס זאָלען צו מיין אייגענער צופרידענהייט אויסדריקען ווי ענטציקט איך בין געוועזען קוקענדיג אויף איהם אַלס דער „באַראָן“ אין „נאַ דניע“. זיין שמייי־כעלע, זיין שאַרלאַטאַנסקער גאַנג, די בעוועגונגען פון זיינע הענט, דער וואונק פון די אייגעלעך, דער ווייכער „ריש“, מיט וועלכען ער רעדט דאָ ארוים די רוסישע ווערטער, דאָס פלאַטערען פון די טראַנטעוואַטע קאָלירטע אונטער־הויזען, וועלכע ער טראָגט אַנשטאָט הויזען, בשעת ער געהט אויף זיין שאַרלאַטאַן־באַראָנסקען, טרעמף־הולטאַיסקען שטייי־גער. ווידער פיהל איך, אז איך וועל ניט זיין אימשטאַנד דעם לעזער צו געבען אַ בעגריף פון דעם עסטעטישען תענוג וואָס איך האָב דאָ געהאַט.

עס איז אבסאָלוט אונמעגליך געוועזען זיך צו דערמאָנען ווי אזוי ער האָט געשפּיעלט צאַר פיאָדאָר — אזוי אבסאָלוט אבגעזונדערט איז דער מענש געוואָרען פון יענעם קאַטשאַלאָוו, וועלכען איך האָב געזעהן מיט עטליכע טעג פריהער שפּילענדיג אַלס דעם געקרוינטען שוועכלינג.

מאַדאַם קניפּער־טשעכאָווא איז ערשיענען אין דער ראָלע פון אַ

גאסען פרוי, א פאר־שכור'טע, א צוקרענקטע פון אונאנשטענדיגע חלאת'ען. דער פארפוילטער באראן לעבט אויף איהר חשבון; דאך רייצט ער זיך מיט איהר, לאכט אפ פון איהר.

די אונגליקליכע פראוינצימער האלט שטענדיג אין טרוימען וועגען ליעבע. ביז א מין וואהנזין דערגרייכט דאס ביי איהר. זי לעזט שטענדיג ראמאנען; זי טראכט שטענדיג וועגען א ראמאנטישען גן עדן אויף דער וועלט. זי פארטרוימט זיך אזוי, אז זי דערצעהלט וועגען א ראמאן מיט „אמת'ע ליעבע", וואס זי האט אמאל אליין געהאט, הגם עס איז א ליגען. זי דערצעהלט דאס אפט, און פון איין מאל ביז דעם צווייטען צופלאנטערט זי די נעמען; און איהר באראן כאפט איהר ביי די ליגענס. זי שרייט, זי קאכט זיך, זי איז ווילד. עס קומט פאר א סקאנדאל. ווען דער באראן דערצעהלט פון זיין אמאליגע גדולה, צאהלט זי איהם אפ און שרייט אויס, אז ער זאגט ליגען. ווען ער דערצעהלט וועגען די קארעטען, אין וועלכע ער פלעגט ארומפאהרען, קרימט זי איהם איבער און לאכט איהם אויס. דאס אלץ שרייט זי אויס, האלטענדיג א סיגארעטעל אין האנט און אויסשטעלענדיג בייזע אויגען, וועלכע זיינען האלב שכור און האלב צוקרענקט פון אונאנשטענדיגע חלאת'ן.

א פאר פון די אמעריקאנער קריטיקער רעדען וועגען דיזער סצענע מיט ווניג באגייסטערונג. איך גלויב אבער, אז ווען זיי וואלטען פארשטאנען די רוסישע שפראך מיט דעם גייסט פון די ווערטער, וועלכע דיזע פראויענצימער רעדט ארויס, מיט דעם גייסט פון דעם נגון, מיט וועלכען מאדאם קניפער־טשעכאווא שרייט זיי ארויס, וואלטען זיי געהאט א גאנץ אנדערע מיינונג. אויף מיר האט מאדאם קניפער־טשעכאווא דיזען מאל געמאכט נאך א שטארקערען איינדרוק ווי מיט איהר טאלאנטפולען שפיעלען אלס די פרוי פון „צאר פיאדאר". ס'איז אן אינטערעסאנטע דעליקאטע ראלע. דאס מוז מען הויפטזעכליך זאגען וועגען דער סצענע וואו זי קרימט איבער דעם באראן'ס „קארעטען". דאס איז געווען א מאמענט פון דעם העכסטען עסטעטישען תענוג.

סטאניסלאווסקי אליין האט געשפילט די ראלע פון דעם טרעמפ, וואס האט ליעב הויכע ווערטער און האט א ספעציעלען אינטערעס אין געבילדעטע לייט. ער איז געווען „פוירסט רייט" אין דיזער ראלע. סימפאטיש און אויסגעצייכענט איז געווען לוזשסקי, דער אקטיאר, וואס האט געשפיעלט אלס דער בלעכער, דער אלטער טרעמפ מיט דער גרויסער באָרד, וועלכער רעדט וועגען אלץ מיט א גוטהעציגען שמייכעל. גוט איז אויך געווען דער געוועזענער אקטיאר, וואס איז פארזונקען געווארען דורך שכרות. א טראגישע ראלע, מעהר פון דעם שרייבער'ס מוח, ווי פון זיין איינבילדונגס־קראפט, אבער דאך אן אינטערעסאנטע.

אויסגעצייכענט האט געשפיעלט די פרוי, וועלכע האט די ראלע פון

דער באליבאָסטע, וואָס איז פארליעבט אין דעם שעהנעם יונגען וואסיא.
די ראָלע פון וואסיא האָט געשפיעלט דער אַקטיאָר, וועלכער איז אין
„צאר פיאָדאָר“ געווען אזוי געראָטען אלס קלעשנין, דער כיטרער
חברה־מאַן מיט דער גרויסער באָרד, וועלכער העלפט באָריס גאָדונאָוו'ן
אין זיינע אינטריגען. דאָ, אלס דער העלד פון דעם ראָמאַן, איז ער
געווען ניט שלעכט, אָבער איין־טאָניג, געשריען צופיעל. דאָך איבער־
פיהרט די ראָלע האָט ער ניט. ניט געראָטען איז געווען דער שווי־
שפילער, וועלכער האָט געהאַט די ראָלע פון דעם בייזען, נערוועזען שלאָ־
סער, ביי וועמען עס שטאַרבט די פרוי.

ווינשעווסקי האָט געשפיעלט אלס דער טאַטער און ער איז געווען
אויסגעצייכענט.

צום שלום וויל איך זאָגען דאָס פאָלגענדע: זעלטען ווען ביי גאָרקי'ן
רעדען מענשען טאַקע ווי זיי וואָלטען גערעדט אין אמת'ען לעבען. זיי
רעדען דאָס וואָס דער פערפאסער לעגט זיי אריין אין די מיילער פון זיין
פארפאסערישען מוח. זיי גיבען אייך קלוגע ווערטער, אינטערעסאנטע
ווערטער. אָבער דאָס זיינען די רייד פון דעם מאַלאַנטפולען גאָרקי'ן,
און ניט פון אזעלכע מענשען, ווי די, וואָס ער שטעלט פאָר. גאָרקי איז
זעהר באַגאַבט. ער קען זיך אָבער קיינמאָל ניט באפרייען פון דיזען
אונגעהייער וויכטיגען חסרון: בשעת ער שטעלט פאָר א טיפּ און די
רייד, וואָס אַזאַ מענש רעדט, קען ער זיך ניט אריינלעבען אין דעם טיפּ,
ווי ער וואָלט געווען און גערעדט אין דערווירקליכקייט. פארקעהרט:
ער פארגעסט אימער אָן דער ווירקליכקייט און וועט היגגעריסען מיט
זיינע אייגענע געדאַנקען, מיט זיין אייגענעם „איך“. אין דער פעהיג־
קייט אבצוזונדערן זיך פון זיך אליין, אויסטאָן זיך
פון דעם אייגענעם „איך“ און אריינטאָן זיך אין דעם איך פון דעם
פאָרגעשטעלטען כאַראַקטער־בילד, רעדען מיט די ווערטער פון יענער
פערזאָן, און ניט מיט די אייגענע קלוגע רייד — אָט אין דיזער פעהיג־
קייט ליגט די העכסטע מדרגה פון קונסט. דיזע מדרגה צייגט גאָרקי
זעלטען ארויס, טראָץ די גרויסקייט פון זיין קראפט אין אנדערע היג־
זיכטען.

„נא דניע“ איז פול מיט די רעזולטאטען וואָס שטאַמען פון דיזען
פעהלער: יעדע פערזאָן אין דער פיעסע פילאָזאָפירט, זאָגט ארויס קלוגע
געדאַנקען וועגען לעבען אין אלגעמיין, אָדער וועגען די פערהעלטניסע
צווישען מענש און מענש אין אלגעמיין. אויף טריט און שריט הערט
איהר אַן אמת־קלוגען ווערטעל. איהר פיהלט אָבער דורכאויס, אַז
אזעלכע ווערטער זאָגען די גאָרקי'ס און ניט די פויערים אָדער די טרעמפּס
אָדער די פאר־שכור'טע טשינאָווניקעס, וועלכע ער שטעלט דאָ פאָר.
ווען „לוקא“ דער וואנדערער זאָגט קלוגע ווערטער און גיט אייך ארויס

„סעמפּעלס" פון א מערקווירדיגע פּויערשע לעבענס־פילאָזאָפיע, נו, קען מען זאָגען, אז דאָס האָט גאָרקי געשאַפען א ספּעציעלען טיפּ אזעלכען. אָבער חכמות און לעבענס־פילאָזאָפיע הערט איהר דאָס פון די אנדערע פּערזאָנען אויך, אפילו פון א פּאָליסמאַן.

גאָרקי אליין איז פול מיט אזעלכע גראָטעסקע ווערטלאך, וואָרט־שפּיעלען, אָדער וויצען און ער טיילט כמעט אלע פּערזאָנען אָן מיט דעם. ער האָט גענוג פאר אלעמען.

דאָס מאַכט אפשר שווער דעם שפּיעלען, אָבער די טאַלאַנטען פון די טאַלאַנטפולע שוישפּילער און די מערקווירדיגע קונסט־דיסציפּלין און קינסטלערישע געניטקייט פון דער קאָמפּאַני, א דאַנק סטאַניסלאַווסקי׳ס שול און אָרגאַניזאַציע, פּאַרגלעט דאָס ווי ווייט מעגליך.

צום שלוס מוז איך באַמערקען, אז נאָך אלעמען, מיט אלע פעהלערען, וואָס דיזע פּיעסע האָט, איז זי פול מיט קאָליר און גיט מערקווירדיגע געלעגענהייטען פאר א היבשע צאָהל שוישפּילער — פאר יעדען באזונדער און פאר אלע צוזאמען. עס איז א זעלטען־דאַנקבאַרע פּיעסע. ניט אומזיסט האָט סטאַניסלאַווסקי איהר גענומען פאר איינער פון די וויכטיגסטע שטיקער אין זיין שטענדיגען רעפּערטואַר.

אין די נעקסטע צוויי וואָכען וועט די קאָמפּאַני שפּיעלען צוויי פון טשעכאָוו׳ס שטיק. יענע זיינען ניט אזוי ביהנע־מעסיג, ניט אזוי דראַמאַטיש און ניט אזוי פול מיט קאָליר. זיי זיינען אָבער פיעל ווירקליכער און טיעפער. עס וועט זיין אינטערעסאַנט צו פערגלייכען גאָרקי׳ס פּיעסע מיט יענע צוויי אין בעצוג צו די העכערע פאָדערונגען פון קונסט. דאָרטען וועט איהר זעלטען הערען, אז א פּערזאָן זאָל רעדען מיט די קלוגע רייד אויף וועלכע נאָר א טשעכאָוו איז פעהיג. די ביהנע שטעלט טעכנישע פאָדערונגען, מיט וועלכע מען מוז מאַכען קאָמפּראָמיסען, און איך קען ניט זאָגען, אז אפילו טשעכאָוו איז דורכאויס פריי פון אזעלכע קאָמפּראָמיסען. דאָס איז אָבער אַלץ נאָר פערהעלטניס־מעסיג. איך האָב נאָר וואָס געענדיגט לעזען (ניט צום ערשטען מאָל) טשעכאָוו׳ס „דריי שוועסטער" וועלכע וועט געשפּיעלט ווערען אין צוויי וואָכען ארום. זעלטען ווען איהר זעהט דאָרטען א פראַזע וואָס זאָל ניט זיין נאַטירליך פאר דער פּערזאָן וואָס רעדט איהר ארויס. טשעכאָוו איז יא געווען בעגאַבט מיט דער אויבענדערמאָנטער פעהיגקייט זיך אבצוזונדערן פון זיין אייגענעם „איך" און אריינצוטהון זיך אין דעם „איך" פון זיינע פאַרגעשטעלטע פּערזאָנען.

דער וואָס וויל שטודירען ליטעראַטור אין איהרע וויכטיגסטע פונקטען, קען האָבען אַן אונגעהויערע נוץ פון א פערגלייך צווישען „נאַ דניע" און „דריי שוועסטער" (מען קען די ביכלעך קריגען אויף ענגליש אָדער אויף רוסיש), אין דעם הינזיכט וועלכען איך האָב דאָ בעשפּראָכען.

אינהאלט פון „קארשען גארטען“

די אלמנה פון א רייכען פאמיעשטשיק קעהרט זיך צוריק אויף איהר אימעניע (גוט) פון א רייזע נאך פאריז, וואוהין זי איז געפאהרען נאך איהר מאן׳ס טויט. דערווייל האט זי זיך פערליעבט אין א צווייטען און איהר זוהן איז דערטרונקען געווארען.

די אימעניע געהט אין ניוועץ צוליעב דעם וואס די אריסטאקראטיע איז אונפעהיג און טויג ניט אפילו א קאץ אן עק צו־צובינדען. די פאמיליע ווערט ארימער און איהר לאגע ווערט ענגער און ענגער. אלץ געהט בארג אראב.

אלס א ביישפיעל פון דער אונפעהיגקייט פון דיזע יחסנים, ברייגנט דער מחבר דעם פאקט דאס ווען א בעטלער קומט בעטען א נדבה א פאר קאפעקעס גיט די אלמנה פון דעם פאמיעשטשיק איהם א גאלדשטיק בלויז דערפאר ווייל זי האט ניט מיט זיך קיין קליינגעלד.

צו די געפאלענע אריסטאקראטען קומט אריין אן אויפגעקומענער גביר, א זוהן פון א געוועזענעם שקלאף אין דעם זעלבען אימעניע. ער וויל אפקויפען דעם גוט. די פאמיליע וויל דערפון ניט הערען. וואס שלימער עס ווערט אזוי די לאגע פאנגט אן די פאמיליע זיך ציהען צו דעם אנבאט פון גביר. ענדליך ווערט דער מסחר געמאכט און די אימעניע געהט איבער אין די הענד פון דעם אויפגעקומענעם גביר, וועלכער צוטהיילט דאס לאנד אין בעזונדערע שטיקער און האקט אויס דעם קארשען גארטען און ווען עס דערהערען זיך די קלעפ פון די העק און דאס פאלען פון די בוימער, פערלאזט די אריסטאקראטישע פאמיליע איהר פאלאץ — קרבנות פון זייער אונפעהיגקייט און אונבעהאלפענקייט.

טשעכאָוו׳ס „קאַרשען גאָרטען״

די דריטע וואָך פון דער מאָסקווער טהעאַטער קאָמפּאַני ווערט אָפּגעגעבען אויף צו שפּילען טשעכאָוו׳ס באַריהמטע פּיעסע „דער קאַרשען גאָרטען״. דאָס איז א גאַנץ אַנדערע זאָרט ליטע־ראַרישע ווערק ווי די פריהערדיגע צוויי פּיעסען. עס איז דאָ וועניגער צו זעהן פאַר׳ן אויסערליכען אויג; עס איז אָבער דאָ א סך צו זעהן פאַר׳ן אינערליכען אויג.

דער קריטיקער פון דער „טיימס״ לויבט די פאָרשטעלונג שטאַרק. ער זאָגט אָבער, אַז זי האָט ניט געקענט געבען דעם עולם אַזאַ שטאַרקע בעגייסטערונג ווי די פריהערדיגע צוויי. פאַר דעם, וואָס קען ניט קיין רוסיש, איז אַזאַ איינדרוק נאַטירליך. איך גלויב, אַז ווען דער זעלבער קריטיקער וואָלט פאַרשטאַנען טשעכאָוו׳ס שפּראַך אַזוי גוט ווי ער פאַר־שטעהט ענגליש, וואָלט די פאָרשטעלונג אויף איהם געהאַט א גאַנץ אַנדער ווירקונג. ער וואָלט דאַן אין טהעאַטער געזעסען מיט אַנדערע געפיהלען. ער וואָלט דורכגעלעבט א פיעל העכערע באַגייסטערונג ווי די, וואָס ער דערמאָנט. דער שרייבער פון דיזע צייל׳ען האָט לעצטען מאָנטאָג אָבענד געזעהן די זעלבע פאָרשטעלונג, און ער האָט געהאַט גייסטיגע ערפאַהרונג פון א ספּעציעלען הויכען סאָרט.

„צאַר פיאָדאָר״ און גאָרקי׳ס „נאַ דניע״ האָבען די מאָסקווער גע־שפּיעלט גוט גענוג. א בעסערען סאָרט קען מען זיך קוים פאָרשטעלען. אין דעם „קאַרשען גאָרטען״ איז אָבער דער מאַטעריאַל א גאַנץ אַנדערער. ווי איך האָב באמערקט אין מיין אַרטיקעל וועגען „נאַ דניע״: יענע פּיעסע איז רייכער אין פאַרב ווי טשעכאָוו׳ס; אָבער „דער קאַרשען גאָרטען״ איז רייכער אין דעם אינערליכען זין פון דער מענשליכער ווירקליכקייט.

ער איז ניט אַן ערך אמת׳דיגער, טיפער און דעליקאַטער. דער שרייבער איז גאָר אַן אַנדערער, און דעריבער איז דער שפּילען אויך גאָר אַן אַנדערער.

אָבצושאַצען דעם טאַלאַנט וואָס ליגט אין אַזעלכע ווערק ווי „צאַר פיאָדאָר״ אָדער „נאַ דניע״ איז פיעל לייכטער ווי אָבצושאַצען דעם טאַ־

לאנט, וועלכער האט געשאפען דעם „קארשען גארטען". אבער פאר דעם וואס קען דאס טאן, איז דער אונטערשיעד אזוי ווי צווישען רייך-קאליר־טע פאדים און איידעלע, צארטע זייד.

טשעכאוו'ס פיעסע איז ניט אהן פעהלערען. איך גלויב איבערהויפט ניט אז טשעכאוו איז געבארען געווארען צו שרייבען פאר דער ביהנע. זיין טאלאנט איז געוועזן צוגעפאסט צו קורצע ערצעהלונגען. אבער דער אוצר, וואס זיין שטיק ענטהאלט, איז אן אוצר, וואס באשטעהט פון די זעלטענסטע און טייערסטע איידעלשטיינער וואס די ליטעראטור האט נאר ארויסגעבראכט. די פעהלערען געהערען צו זייטיגע זאכען, וואס וואלטען לייכט געקענט באזייטיגט ווערען. עס שיינט, אז דער פארפא־סער האט זיי אריינגעשטעלט אום צוצוגעבען קאליר; און דערביי פיהלט זיך די אוננאטירליכקייט און (מען דארף זיך ניט שעהמען צו זאגען) די ביליגקייט פון דעם צוגעקלערטען „דזשאב".

און דאס, נאטירליך, שפיגעלט זיך אפ אויפ'ן שפילען. אין א פראס־טערע פיעסע וואלט עס אפשר ניט געוועזן אזוי קענטיג. אבער ווען אין א זיידענע מאטעריע גנב'עט זיך דורך א באוועלנע פאדים, שניידט עס פשוט די אויגען.

אין דעם „קארשען גארטען" איז פאראן א לאקעי, א שלימזל, ביי וועמען אלץ פאלט פון די הענט. דאס איז צוגעשטשטאבעט ספעציעל צו מאכען שפאס; אבער אנשטאט צו מאכען שפאס שטערט עס נור דעם איידעלען עפעקט פון דעם ווערק. ליידער האט דער טאלאנטפולער מאסקווין זיך אויסגעקליבען דיזע ראלע. ער האט געמיינט, אז ער וועט דערפון מאכען א גראטעסקע זאך. עס קומט אבער אויס א ביליגע בורלעסק. עס טהוט פשוט וועה דאס הארץ, קוקענדיג ווי דיזער גרוי־סער שוישפילער באשעפטיגט זיך מיט דעם. עהנליכעס קען מען זאגען וועגען דער ראלע פון דער דייטשער גוברנאנטקע שארלאטא, וועלכע אמוזירט די געסט מיט קארטען-קונצען און מיט אנדערע שפאסען. די ראלע איז א גאנץ צרה'דיגע. (זי איז געשפילט געווארען פון מאריא אוספענסקאיא). ווען דאס וואלט געווען א געוועהנליכע שפאס־מאכעריי וואלטען מיר זאגען, אז זי האט איהר ראלע דורכגעפיהרט זעהר שפאסיג און נעט. ווי קומט אבער אזא עסק צו טשעכאוו'ס א ווערק?

אין דער פיעסע זיינען אויך פאראן א פאר וויכטיגערע פעהלערען. און איינער פון זיי ליגט גראד אין דעם וויכטיגסטען מאמענט פון דער דראמא־קאמעדיע.

לאפאכין, דער זוהן פון א פויער, ווערט א רייכער געשעפטס־מאן און קויפט אפ דעם קארשען גארטען מיט דער גאנצער אימעניע. ער

קויפט דאָס אָפּ ביי דער פּריצישער משפּחה, ביי וועמען זיין טאַטע און זיין זיידע זיינען געווען קנעכט. דער פּריצישער דור פאַרלירט זיין מאַכט אויפצוהאַלטען זיין הערשאַפט און בעדייטונג, עס קומט אַ נייער דור, (דער בורזשואזער) און דיזער לאָפּאַכין איז דער פאָרשטעהער פון דעם נייעם דור. ער האָט רעספּעקט פאַר זיינע פּריצים. ער האָט זיי ליעב. ער בעט זיך ביי זיי זאָלען ראַטעווען זייער מאַיאָנטעק. ער זעהט ווי זיי געהען צו גרונד, און ער גיט זיי אַ פּראַקטישע עצה ווי זיך צו ראַטעווען. אָבער יענע זיינען ניט אימשטאַנד צו פאַרשטעהן די קלענסטע זאַך, וואו עס האַנדעלט זיך נאָר וועגען אַ פּראַקטישע פראַגע. זיי זיינען אזוי צובאַלעוועט פון קינדוויַיז אָן, אזוי אָפּגעצערטעלט און אָפּגעשוואַכט, אזוי אונפעהיג צו טאָן עפּעס, וואָס האָט אַ ממשות, אַז זיי בלייבען טויט צו זיינע רייד. דער סוף איז, אַז זיי קענען ניט באַצאָהלען זייערע חובות און זייער מאַיאָנטעק מיט זייער באַריהמטען קארשען גאָרטען ווערט פארקויפט אויף די „טאָרגעס“ (אָקשאָן). אַן אַנדער סוחר האָט געוואָלט אָפּקויפען, אָבער לאָפּאַכין האָט איהם איבער־געדונגען. לאָפּאַכין קומט פון די „טאָרגעס“ אַ ביסעל פאַר־שכור'ט פון שאַמפּאַניער. ער איז איבעראַשט פון זיין אייגענער גדולה; איבער־ראַשט פון דעם פאַקט, אַז ער, דער זוהן פון פאַרשקלאַפטע פּויערים, ווערט איצט דער בעל הבית איבער דעם באַריהמטען מאַיאָנטעק, וואו זיין טאַטע און זיינע זיידעס זיינען געווען פּאַנשטשינע קנעכט.

לאָפּאַכין שרייט וועגען דעם מיט פרעהליכע ערשטוינונג, און ער הייסט גלייך געהן אויסהאַקען די בוימער פון דעם קארשען גאָרטען. ער האָט פריהער פאָרגעשלאָגען דער פּריצטע, אַז זי זאָל דעם קארשען גאָרטען אויסהאַקען, די לאַנג צוטיילען אויף „לאַטס“ און פאַרקויפען אויף זומער קוואַרטירען — אַז דורך דעם וועט זי מאַכען אַ גרויסען קאַפּיטאַל. אויף דיזען אַרט וועט זי קענען אָפּצאָהלען איהרע חובות און האָבען אַ גרויסען איינקונפט. זי האָט אָבער ניט געוואָלט הערען דערפון. דער געדאַנק, אַז מען זאָל צושניידען דעם אַלטען, שטאָלצען קארשען גאָרטען, איז איהר אויסגעקומען קאָמיש און ווילד; אַן עהנ־ליכען געפיהל האָט געהאַט איהר ברודער, דער צוצערטעלטער, פאַר־טרוימטער גאָרנישט, וועלכער טויג נאָר צו פּלאַפּלען און צו שפּילען בי־ליאַרד. סטייטש, דער קארשען גאָרטען איז אזוי באַריהמט, אַז אין דער ענציקלאָפּעדיע קענט איהר וועגען איהם געפינען! זאָל מען גאָר סמייען צו רעדען וועגען אויסהאַקען זיינע בוימער. אי, מען וועט סיי ווי סיי ביי זיי צונעהמען דעם גאָרטען פאַר די חובות? — אָבער וועגען אזעלכע זאַכען קלערען זיי ניט. זיי זיינען ניט געוואוינט צו טראַכטען וועגען מאָרגען; ניט געוואוינט צו פּרוּווען פאַרשטעהן אַ פּראַקטישע לאַגע.

קורץ, איצט געהערט דער קארשען גאָרטען שוין צו לאפּאכינ'ען און זיינע מענשען האקען שוין די בוימער.

צו דער זעלבער צייט, ווען לאפּאכין זיצט האלב באַזויפען און רעדט מיט איבערראַשונג און באריהמעריי וועגען דער גרויסער ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין דעם שיקזאַל פון די פּריצים און אין זיין שיקזאל, ווי אלץ האָט זיך איבערגעקעהרט קאַפּויר — אין דעם זעלבען מאָמענט זיצט די פּריצטע לעבען איהם און וויינט מיט ביטערע טרערען. און לאפּאכין, וועלכער איז איהר איבערגעבען און האָט צו איהר רעספּעקט, שרייט ווייטער וועגען זיין דערהויבענקייט; ער באריהמט זיך ווייטער וועגען דעם, אַז ער איז געוואָרען דער בעל הבית איבער דעם גרויסען מאַיאָנטעק, וואו זיין טאַטע און זיין זיידע זיינען געווען שקלאַפען.

ווען טשעכאָוו שרייבט דאָס אין אַן ערצעהלונג, וואָלט לאפּאכין אזעלכע רייד ניט גערעדט. ער וואָלט ניט געווען אזוי מערדערליך, וואָרים ער ווערט גאָר ניט ארויסגעשטעלט פאר קיין מערדער. פאר־קעהרט, טשעכאָוו שטעלט איהם פאָר אלס ניט קיין שלעכטען, איבער־געבענעם מענשען, א מענש מיט א געפיהל און מיט א שטארקע צוגע־בונדענקייט צו די פּריצים, לעבען וועלכע ער איז אויסגעוואקסען. אין אַן ערצעהלונג וואָלט לאפּאכין דיזע אַלע זאכען געקלערט אין זיך; דער שרייבער וואָלט אונז וועגען דעם דערצעהלט. מיר וואָלטען דאָס געזעהן אין לאפּאכינ'ס הארצען, אָבער געהערט פון לאפּאכינ'ס ליפּען וואָלטען מיר דאָס ניט. אין א פּיעסע אָבער קען דער שרייבער אייך קיין זאַך ניט דערצעהלען. די פּערזאָנען אליין מוזען רעדען פאר זיך. היינט ווי טהוט פּאַרט טשעכאָוו, ווען ער וויל אייך ווייזען, ווי לאפּאכין פּיהלט זיך? האָט ער איהם געהייסען אליין דערצעהלען, כאָטש דאָס איז אין יענעם מאָמענט אַן אונמעגליכקייט.

מען וועט מיר אפשר אָנווייזען אויף דעם, אַז ער איז געווען שכור'־לאָך. דאָס איז אָבער קיין תירוץ ניט. די גאַנצע לאגע איז אזעלכע, אַז ער וואָלט דאָס ניט געזאָגט, אפילו ווען ער וואָלט געווען טויט־שכור. און לאפּאכין איז טויט שכור ניט געווען. עס איז דייטליך, אַז טשעכאָוו האָט איהם געלאָזט זאָגען דיזע ווערטער כדי דער לעזער און טהעאַטער בעזוכער זאָל וויסען וואָס עס טהוט זיך ביי איהם, ביי לאפּאכינ'ען, אין הארצען, כאָטש לאפּאכין וואָלט אזעלכע רייד פון מויל ניט ארויס־געלאָזען.

איך האָב דאָ אָנגעוויזען אויף די פעהלערען אין דער פּיעסע, פעה־לערען, וועלכע מוזען זיך לאָזען פּיהלען אין דער פאָרשטעלונג אויך. אָבער ווען מיר פארגעסען אָן דיזע פעהלערען, בלייבט איבער א גרויסער

עיקר פון די איידעלסטע קונסט. איך האָב די פּיעסע געלעזען מעהר ווי איין מאָל, און אזוי האָב איך געפּיהלט יעדעס מאָל. און ווען איך האָב איהר איצט געזעהן אויף דער ביהנע, זיינען די פעהלערען געוועזן נאָך גרעסער, אָבער דערפאַר איז דער פּראַכט פון דעם עיקר געוואָרען גרע־סער — העכער און טיעפער. איך האָב אַלע מאָל בעטראַכט דעם „קארשען גאָרטען" פאר טשעכאָוו'ס וויכטיגסטע דראמאַטישע ווערק. ביי דער פאָרשטעלונג איז זי מיר נאָך געוואָרען פיעל וויכטיגער, גרויסארטיגער. איינציגע שטריכען, וועלכע איך האָב פריהער קוים באמערקט, האָבען געצויגען מיין אויפמערקזאמקייט מיט נייע קראפט און צויבער; און דער סך הכל איז געווען א שטיק ווירקליכקייט, אזוי בעדייטונגספול, אזוי טיעף, אזוי דעליקאַט, אז — כ'לעבען — עס קומט אויס ווי א חלול השם נאָכדעם צו געהן זעהן א פּיעסע פון די געוועהנליכע דראמאטורגען.

ווען איהר זיצט אין טהעאַטער ביי דיזער קאָמעדיע־דראמא, זעהט איהר ווי עס ווערט געשלאָסען א גרויסער קאַפּיטעל פון דער מענשליכער געשיכטע און עס מישט זיך אויף אַ נייער קאַפּיטעל. און די דריי שטונדען זעהט איהר פאַר די אויגען ווי ס'פאלט א קלאַס, וועלכער האָט געהערשט הונדערטער יאָהרען און ווי אויף זיין פּלאַץ שטעהט אויף א נייער קלאַס. די אַלטע פּריצים פון רוסלאַנד האָבען פערלאָרען זייער פעהיגקייט אויפצוהאַלטען זייער רייכטום און זייער הערשאַפט, און זייער טהראָן ווערט פארנומען פון דער נייער רוסישער בורזשואזיע.

די צענטער פיגור פון דיזער פּיעסע איז די פּריצטע, מאדאם ראניעווס־קאיא. דאָס, וואָס עס קומט דאָ פאָר מיט איהר און מיט איהר ברו־דער אין דריי שטונדען איז פאָרגעקומען אין פערלויף פון עטליכע צעהנ־דליג יאָהר מיט טויזענדער אַנדערע פּריצים. אויב ניט גראָד אויף דיזען שטייגער, איז אויף אַנדערע אופנים.

טשעכאָוו רופט זיין פּיעסע אַן קאָמעדיע. און זי איז ווירקליך פול מיט דעם העכערען קאָמיזם פון לעבען; אָבער פאַר דער מאדאם ראַ־ניעוועסקאיא און איהר ברודער איז דאָס ניט קיין קאָמעדיע, נאָר די העכסטע טראַגעדיע, וואָס מען קען זיך פאָרשטעלען. און דער טהעאַטער באזוכער איז טיעף דורכגעדרונגען אי מיט דער קאָמעדיע, אי מיט דער טראַגעדיע.

די פּערזענליכקייט פון דער מאדאם ראניעוועסקאיא איז אויפגעמאָ־לען מיט די דעליקאַטסטע און טיעפסטע שטריכען, וועלכע מען קען נאָר געפינען אין דער פאָרמע פון ליטעראַרישע פּאָרטרעט־מאהלעריי. ליידער ערלויבט מיר ניט דער פּלאַץ אָנצואווייזען אויף אַלע וויכטיגסטע שטרי־כען פון דיזען כאַראַקטער. איך וועל נור איבערגעבען א פּאָר.

די הויז איז פארעלטערט, פארלאָזען, פאראָרעמט. דער ברודער מיט דער שוועסטער זיינען פערזונקען אין חובות. אָבער זיי האָבען ניט קיין באגריף וועגען דער וועלט פון געלט; זיי האָבען ניט קיין כאראַקטער צו קאָנטראָלירען זייערע עקספּענסעס. זיי זיינען פון געבורט אָן געוואוינט צו ספּענדען מיט דער ברייטער האנד און, אזוי ווי בייבים, טוען זיי דאָס איצט אויך. עס געהט, למשל, דורך א טרעמפּ, און בעט מען זאָל איהם געבען דרייסיג קאָפּיקעס. זוכט מאַדאַם ראַניעווסקאיא א פּאָר זילבערנע מטבעות אין איהר בייטעלע; קען זי אָבער קיין זילבערנע געלט ניט געפינען — גיט זי דעם טרעמפּ א גילדערנע מטבע. זי מאַכט א הוליאַנקע, רופט צוזאַמען געסט און לאַדט איין מוזיקאַנטען און דערנאָך פרעגט זי זיך אליין, צו וואָס זי האָט דאָס אלץ געדאַרפט. זי איז זעהר א גוטע, א ווייך־הערציגע, א סימפּאַטישע. אויף יעדען האָט זי רחמנות, יעדען איז זי בערייט אָבצוגעבען אלץ, וואָס זי האָט. אָבער איהר רחמנות און איהר וועהטאָג האָט ניט קיין ממשות. אין א סעקונדע ארום הויבט זי אָן צו שמייכלען און צו לאַכען.

עס איז א דעליקאַט־פּילפּאַכער טיפּ און ער איז אזוי אויסגעאַרבייט אז ער שטעלט מיט זיך פאָר אַן אמת׳ען שטיק לעבען פון דער פריצישער רוסישער ווירקליכקייט, מיט איהר פלייש און בלוט, נערוועז, מארך, הארץ און נשמה. איך האָב געזעהן אזעלכע פריצטעס אין לעבען און אין דער ליטעראַטור; קיין ווירקליכערע האָב איך אין ערגעץ ניט געזעהן.

דיזע ראָלע האָט געשפּיעלט מאַדאַם קניפּער־טשעכאָווא. און איך קען זאָגען אז דאָ האָב איך איהר צום ערשטען מאָל געזעהן אין דער פולער פונאַנדערבליהונג פון איהר טאַלאַנט.

זי האָט די ראָלע געשפּילט מיט אלע פיינע, איידעלע, לעבענס־ציטערענדע שטריכען, מיט אלע טיעפקייטען און מיט דער גאַנצער קינסטלערישער פּראַכט, וועלכע די ראָלע ענטהאלט אין זיך. די, וואָס פארשטעהען ניט גוט רוסיש, האָבען ניט געקענט זעהן וואָס פאר א קונסט פערל איהר שפּיעלען איז. וואָרים אויסערליך איז אין אזא זאַך דאָ ווייניג וואָס צו זעהן.

מיט וואָס דערקענט איהר, אז א נאַכטיגאַל איז א לעבעדיגע און ניט קיין וואַקסענע? אָנווייזען אויף כללים קען מען אין אזעלכע זאַכען ניט. דעם, וואָס פיהלט ניט, יענעם קענען קיין ערקלעהרונגען ניט העלפען.

איך ווייס ניט צו איך האָב ווען עס איז געהאַט אזא ספּעציעלען סאָרט עסטעטישען תענוג, ווי איך האָב געהאַט פון דיזען טשעכאָוו׳שען טיפּ און פון דיזען שפּיעלען פון מאַדאַם קניפּערטשעכאָווא.

ווען איך האָב איהר געזעהן אין „צאַר פיאָדאָר“ און נאַכהער „נאַ דניע“, האָט זי אַפּעלירט אַלס א גרויסע שוישפּילערין. איך מוז אָבער זאָגען דעם אמת: דאַן האָב איך ניט געזעהן ווארום זי פאַרנעהמט גראָד דעם וויכטיגסטען פּלאַץ אין דער וויכטיגסטער טהעאַטער קאָמפּאַני אין דער וועלט. דיזען מאָנטאג אָבענד איז דאָס מיר דייטליך געוואָרען.

נאָך איידער די קאָמפּאַני איז געקומען קיין ניו יאָרק, האָט מען גע־זאָגט דאָס פאָלגענדע: זיי ערקלעהרען, אז „צאַר פיאָדאָר“ איז זייער שפּיעל פאַר דעם אויסערליכען עפעקט, אָבער אז די אמת'ע מאָסקווער קונסט־טהעאַטער פיעסען זיינען די טשעכאָוו פיעסען. וועלל, אין די טשעכאָוו פיעסען איז מאַדאַם קניפּער־טשעכאָווא א קינסטלערין פון דעם איידעלסטען, טיעפסטען און העהרליכסטען קלאַס.

ווי אזוי זאָל דאָס קענען אָפּשאַצען דער, וואָס פאַרשטעהט ניט די רוסישע שפּראַך, ווען אין דער פיעסע איז ניטאָ קיין איין מאָמענט, ווען זי שרייט; ניטאָ קיין איין מאָמענט, ווען זי הויבט אויף איהר שטימע; ווען די גאַנצע קונסט ארבייט ליעגט אין דער פאַרשטעלונג פון די פאַר־שיעדענע שטימונגען און שאַטירונגען פון געפיהלען, אין איבערגאַנגען, אין די טענער, אין די געזיכטס אויסדריקע פון דיזער זעלטען־אינטערע־סאַנטער מאַדאַם ראַניעווסקאַיא? זי איז געווען ראַניעווסקאַיא אליין.

אויסגעצייכענט האָט אויך געשפּיעלט סטאַניסלאַווסקי אַלס ראַ־ניעווסקאַיא'ס ברודער. דאָס איז אויך א דעליקאַטע ראָלע. די ראָלע פון לאָפּאַכין, דער אויפגעקומענער אינטעליגענטער פּויער, האָט גע־שפּיעלט לעאָנידאָוו. ער האָט אויך כשר פאַרדיענט די בראַוואָ געשרייען און די שטורעמדיגע אַפּלאָדיסמענטען, וואָס מען האָט דער קאָמפּאַני געגעבען צום סוף פון דער פאָרשטעלונג. זיין שפּיעלען האָט אויך ענט־האַלטען א סך פערשיעדענע אינטערעסאַנטע שטריכען און שאַטירונגען, וועלכע האָבען געצייגט, אז ער איז ניט נאָר א שוישפּילער מיט טאַלאַנט, נאָר אויך מיט אמת'ע אינטעליגענץ. ערטערוויז האָט ער פּיליכט צו הויך געשריען. דאָס איז אָבער אַלץ. דער פּאָרטרעט איז געווען א העלער, א בולט'ער, אן אויסגעצייכענטער.

א בריליאַנטענע שטיקעל ארבייט אין טשעכאָוו'ס ווערק איז אויך דער טיפּ פון פּעטיא, „דער אייביגער סטודענט“, וועלכער רעדט שטענ־דיג וועגען הויכע זאַכען און טראָגט זיך אימער ארום מיט ביכלאָך און טהוט ניט קיין שום ממשות'דיגע ארבייט. דאָס איז פּונקט אזא לעבע־דיגע שטיק רוסלאַנד, ווי די מאַדאַם ראַניעווסקאַיא, אָדער איהר ברודער. די פליייש און בלוט פון דעם פּריצישען דור זעהט איהר אין דיזע אַלע טיפּען, אין יעדען אויף אַן אַנדער אַרט. דיזע ראָלע איז געווען וואונ־דערבאַר געשפּיעלט פון ניקאָלאַי פּאָדגאָרני. א טייערער טיפּ איז אויך

דער אכציג יעהריגער לאקוי פירס, וועלכער בענקט אלץ נאך די „אלטע, גוטע צייטען", ווען די פויערים און די פריצים זיינען ניט געווען אפ־געזונדערט, דאס הייסט, ווען עס האט נאך עקזיסטירט שקלאפעריי. דיזע ראלע איז טאלאנטפאל דורכגעפיהרט פון וואסילי לוזשסקי, וועל־כער האט געמאכט אזא גוטען איינדרוק אין „צאר פיאדאר".

א יונגע אקטריסע מיט'ן נאמען אלא טאראסאוו האט געוואונען דעם פובליקום מיט איהר זעהר אנגענעהמען און איבערצייגענדען שפיע־לען אלס אניא, די 17-יעהריגע טאכטער פון די פריצטע. גראטען האט אויך געשפיעלט ווארווארא בולגאקאווא, אלס א סענטימענטאלע דיענסט, וועלכע רעדט אימער וועגען איהרע איידעלע געפיהלען. ווערא פאשענ־נאיא האט געשפיעלט אלס ווארי‌א, די אדאפטירטע טאכטער פון דער פריצטע. עס איז א גוטע ראלע און זי איז געווען זעהר גוט אין איהר.

ניקאלאי אלעקסאנדראוו און וולאדימיר גריבונין האבען געהאט אינ־טערעסאנטע ראלען און זיי האבען זיי ערפילט מיט פארשטאנד און געשמאק. זיי זיינען געווען אויסגעצייכענט גרימירט און האבען זיך געהאלטען אויסגעצייכענט לויט די ראלען.

און דיזע אלע האבען גערעדט ווי לעבעדיגע מענשען, מיט א נאטיר־ליכען לשון און נאטירליכע שפראך טענער, ווי מען רעדט אין דעם ווירק־ליכען לעבען. און אזוי פיעל שוישפילער זאלען רעדען אזוי אמת־קינסטלעריש, דאס הייסט אזוי אמת־נאטירליך, אין א פארשטעלונג — דאס איז אין אן אמעריקאנער טהעאטער אן אונגעהערטע זאך. ווען צוויי שוישפילער רעדען ווי מענשען, איז דאס שוין אויך אן אונגע־וועהנליכע זאך. דאס רוב קען באווייזען אזא קונץ נאר איין אמעריקא־נער אקטיאר, אדער אקטריסע — דער „סטאר". און א מאל דאס אויך ניט.

אלע שוישפילער האבען אין דעם „קארשען גארטען", זיך פיין צו־זאמענגעשפיעלט און אזוי אריינגעלעבט אין די ראלען, אז טראץ די אויבען-אנגעוויזענע פעהלערען, זייט איהר אין גאנצען אריינגעריסען געווארען אין דעם פארגעשטעלטען לעבען, איהר זייט פערשלונגען גע־ווארען אין דער פיעסע, אזוי ווי זי וואלט געווען די ווירקליכקייט אליין.

און די „סינערי" איז געווען אזוי פינקטליך צוגעריכט און מיט אזעלכע איינצעלהייטען, אז עס איז געשאפען געווארען די סאמע לופט פון דעם צוקראכענעם פריצישען הויז.

אויף דער „וועטשערינקע", ווען מען האט געטאנצט, זיך לוסטיג געמאכט, פארביסען, איז אלץ געווען א שטיק ווירקליכקייט ביז דער קלענסטער קלייניגקייט. און ווען עס קומט דער אומגליק און מען

מוז ארויסמופען פון דעם אלטען אריסטאָקראַטישען פאלאץ, איז גע־האנגען א חושך, וועלכער האָט מיט זיין אמת'דיגקייט אייך געדריקט דאָס הארץ, ווי א שווערע משא. דאָס אלץ ווערט ארויסגעבראַכט אי דורך דעם שפּיעלען, אי דורך פערשיעדענע איינצעלהייטען פון דער סינערי. צום ביישפּיעל: אויף די ווענט זיינען געהאנגען אלערליי פּאָרטרעטען, אָוואלנע פּאָרטרעטען; דערנאָך, ווען מען האָט אראָפּגע־נומען דיעזע פּאָרטרעטען, ווייל מען מופט ארויס, זיינען אויף די ווענט געווען קענטיג די צייכענס וואו זיי זיינען געהאנגען: פיער־קאנטיגע צייכענס, אָוואלנע צייכענס, גרעסערע, קלענערע — אלץ ווי אין דער אמת'ען. אָט דיעזער סאָרט איינצעלהייטען מישט זיך צונויף מיט דער קונסט פון דעם שפּיעלען, און דער סך הכל איז אז אייער באוואוסטזיין ווערט בעזויפען מיט א געפיהל פון ווירקליכקייט.

ווען איהר זעהט אזא פּיעסע ווי דער „קארשען גאָרטען" ביי דער מאָסקווער קאָמפּאני, דאכט זיך אייך, אז וואָס עס איז געווען איז גע־ווען; איהר הויבט דאָן אָן צו זעהן טעאטער צום ערשטען מאָל.

געזעהן דעם „קארשען גארטען״ צום דריטען מאָהל

ווידער ביי אַ פאָרשטעלונג פון דעם מאָסקווער קונסט טהעאַטער

איך האָב דיזעלבע פיעסע ביי דיזער קאָמפּאני שוין געזעהן צוויי מאָל. דאָס איז געווען א דריטער.

איך האָב די דראמא-קאָמעדיע צוויי מאָל געלעזען אין טשעכאָוו'ס ווערק. איך בין באקאנט מיט יעדען וואָרט פון איהר. און דאָך האָט די פאָרשטעלונג געהאט אן אומבאַשרייבליכע ווירקונג אויף מיר. אזעלכע איינדריקע איז זעהר, זעהר שווער מיט ווערטער איבערצוגעבען. איך קען נאָר זאָגען, אז פון דעם ערשטען מאָמענט בין איך געזעסען אזוי ווי אַן אויפגעטרייסעלטער — אבסאָלוט אזוי ווי די פאָרגעשטעלטע סצענעס וואָלטען געווען אן אייגענע פאמיליע זאַך ביי מיר.

איך בין געזעסען צו נאָהענט, אין דעם ערשטען צייל פון רעכטען צענטער. כמעט מיט'ן געזיכט די ביהנע אָנצוריהרען. געוויינליך שטערט דאָס. איהר זעהט דעם גרים פון די אַקטיאָרען און די אַנדערע מעכאַנישע איינצעלהייטען. דאָס לאָזט אייך ניט פארגעסען, אז אלץ וואָס איהר זעהט איז נאָר „כלומרשט״. דאָס איז אָבער ניט געווען אזוי אין אין דיזען פאַל.

מיט אייניגע טעג צוריק האָב איך מיט קאטשאַלאָוו'ן פארבראַכט א גאנצען אָווענד אין פּריוואט-געזעלשאפט און איך האָב, נאַטירליך, געוואוסט אז דער אויסגעצערטעלטער פּריץ פון דעם „קארשען גאָרטען״, איז קאַטשאַלאָוו; און דאָך האָב איך איהם אבסאָלוט ניט געקענט דערקענען; אזוי איז ער אריין אין זיין ראָלע אלץ דער פּריץ און אזוי בין איך אריין אין דער ראָלע פון איינעם וואָס קוקט אויף א שטיק אמת'ען לעבען און ניט אויף אַ טהעאַטער פאָרשטעלונג.

אזוי האָב איך געפיהלט פון דעם ערשטען מאָמענט אָן, ווען די פּריצ'טע קומט פון פּאריז באגלייט מיט דעם גאנצען רעש פון דער באגעגעניש. איך שעהם זיך ניט צו זאָגען, אז מיינע אויגען זיינען פיעלע מאָל אָנ-

געפילט געוואָרען מיט טרעהרען. איך בין געווען בוכשטעבליך א טייל פון דעם לעבען, וועלכער איז געמאָלט אין דעם „קארשען גאָרטען״; ווי א באַקאַנטער פון דער פאמיליע וואָס זיצט אין שטוב, און איז ארייג־געצויגען אין דער גאַנצער טראַגעדיע מיט די קליינע קאָמעדיעלאך, וועלכע ווערען דאָ אָפּגעשפּילט, אזוי האָב איך זיך געפיהלט זיצענדיג אין מיין טהעאַטער-טשער.

סעמיאָנאָוו פּישטשיק, דער שכן, וועלכער קומט אָפט אריין צו די פּריצים פון קארשען גאָרטען, און בעט מען זאָל איהם לייהען געלט, וואָלט ניט געקענט פיהלען טיפער ווי איך האָב געפיהלט די אמת׳קייט פון דער גאַנצער געשיכטע.

העכער ווי פערציג יאָהר ווי איך זעה טהעאַטער אין אמעריקא. פיער, פינף יאָהר האָב איך געזעהן טהעאַטער אין רוסלאַנד איידער איך בין אוועקגעפאָרען פון דער היים. אין פערשיעדענע צייטען האָב איך אין טעאַטערע איבערגעלעבט שטאַרקע געפיהלען — אין רוסישע טעאַטערע, אין ענגלישע, אין דייטשע, אין איטאַליענישע, אין אידישע און אין פראַנ־צויזישע. אָבער קיינמאָל, אבסאָלוט קיינמאָל אין מיין גאַנצען לעבען, האָב איך ניט דורכגעפיהלט דאָס, וואָס איך לעב איבער ביי די פּאָר־שטעלונגען פון דיזער מאָסקווער טרופּע. אין דיזען טאָג ווען איך האָב געזעהן דעם „קארשען גאָרטען״ צום דריטען מאָל, איז דער איינדרוק אויף מיר נאָך געווען א גרעסערער ווי די פריהערדיגע צוויי מאָל. איך בין ארויס פון טעאַטער א צובראָכענער מענש. איך האָב זיך באַגעגענט מיט מענשען; מיר האָבען געלאַכט, געשפּאַסט; אָבער ביי מיר אויף׳ן הארצען האָט ניט אויפגעהערט צו געוועלטיגען דער וועהטאָג, וועלכען איך האָב ארויסגעטראָגען פון דער טראַגישער ווירקליכקייט, וועלכע איז פאָרגעשטעלט געוואָרען אויפ׳ן סטיידזש פון דזשאָלסאָן טעאַטער.

און וואָס איז דער חידוש?

אין דיזער פאָרשטעלונג נעמען אנטייל זעקס פאָלשטענדיגע קינסט־לער, וועלכע האָבען וויכטיגע ראָלען, און עטליכע פאָלשטענדיגע קינסט־לער, וועלכע האָבען קלענערע, אָבער דאָך אינטערעסאַנטע ראָלען.

וואו קען מען דאָס זעהן? אין ערגעץ ניט אין דער גאַנצער וועלט! מען שפּיעלט אויסגעצייכענט טעאַטער אין דייטשלאַנד און אין איטאַליען אויך; אָבער ערשטענס זיינען דאָרטען ניטאָ אזעלכע פּיעסען, וואו עס זאָלען זיין אזעלכע אמת-וויכטיגע ראָלען פאַר מעהר ווי איינעם אָדער צוויי. נאָר א טשעכאָוו שרייבט אזעלכע פּיעסען. אַנדערע דראַמאַטורגען שרייבען איינע, אָדער, אז פיעל, צוויי וויכטיגע ראָלען. און, צווייטענס, פּאַסירט דאָרטען זעלטען, אז אין איין קאָמפּאַני זאָלען אנטייל נעהמען מעהר ווי איינער אָדער צוויי אמת-גרויסע ארטיסטען.

דער לעבען אָבער ווייס ניט פון גרעסערע ראָלען און קלענערע ראָלען. איינער שפּיעלט א גרעסערע ראָלע אין דער פּאָליטיק; אָבער אין דער דראמע פון לעבען, קען זיין, איז א דאָאָר-קיפּער׳ס ראָלע פיעל וויכטיגער.

קאטשאלאָוו, מאדאם קניפּער־טשעכאָווא, לעאָנידאָוו, פּאשעננאיא, קאָרעניעווא, פּאָדגאָרני — דיזע זעקס האָבען אלע געהאט אמת־וויכטיגע ראָלען און אלע האָבען זיי געשפּיעלט ווי ארטיסטען פון דעם העכסטען קלאס מיט א נאטירליכקייט, מיט א טאלאנט וואָס איז א גאנץ אונגע־וויינליכע זאך אין אַן אמעריקאנעם טעאטער. קאטשאלאָוו איז געווען אזוי וואונדערבאר, אז, כ׳לעבען, דער וואָרט „וואונדערבאר" קלינגט צו ביליג, אָבער די אנדערע פינף, וואָס איך רוף דאָ אָן, האָבען אויך גע־שפּיעלט זייערע ראָלען מיט א קינסטלערישע פּאָלשטענדיגקייט, אין וועל־כער עס איז קיין שום פּגימה ניט געווען צו געפינען. דאָס זיינען די זעקס וויכטיגסטע ראָלען.

דאָס הייסט, זעקס סטאר ראָלען און זעקס סטארס אין איין פּיעסע!

אין דער פּיעסע זיינען אויך דאָ וויינינגער וויכטיגע ראָלען, וועלכע זיינען אויך געשפּילט געוואָרען מיט גרויס טאלאנט.

נאָר צוויי ראָלען האָבען מיר געשטערט און גראָד איז איינע פון דיזע דורכגעפּירט געוואָרען פון דעם גרויסען מאָסקווין. ער, פון זיין זייט, איז דאָ אויך געווען א מאָסקווין. ניט ער איז שולדיג, נאָר דער פער־פאסער, טשעכאָוו, עס איז א ביליגער בורלעסק, וועלכער פּאסט זיך ניט פאר אזא שרייבער. עס איז אזוי ווי א פלעק אויף דער גאנצער פּיעסע. עהנליכעס קען מען אויך זאָגען וועגען דער ראָלע פון דער דייטשער גאָווערנאַנטקע, שארלאָטא. דאָס איז געשפּיעלט געוואָרען פון אוספּענסקאיא, וועלכע איז טאלענטפול. ווידער איז שולדיג דער פער־פאסער וואָס ער האָט ארייגעשטעלט אזא גרילצענדען שונד-שפּאס. אָבער חוץ דיזע צוויי ראָלען איז די פּיעסע א שטיק ליטעראַרישע גין־גאָלד, און אזוי איז אויך געווען דאָס שפּיעלען: א שטיק מעטאל פון דעם איידעלסטען און העכסטען סאָרט.

ווען איך האָב דאָס ערשטע מאָל געשריבען וועגען דער פּאָרשטעלונג פון דעם „קארשען גאָרטען" האָב איך זיך פּארהאלטען קריטיש צו דעם וויכטיגסטען מאָמענט אין דער ראָלע פון לאָפּאכין, דער פּאָרשטעהער פון דער נייער רוסישער בורזשואזיע, וועלכער שטופּט ארויס דעם אלטען פּריצים־קלאס. עס איז אונגלויבליך, האָב איך באמערקט, אז דיזער געוועזענער פּויער, וועלכער איז אזוי צוגעבונדען צו זיין פריהערדיגע פּריצ׳טע, זאָל אין איהר אנוועזענהייט אזוי גראָב זיך באריהמען מיט זיין זיעג איבער איהר און איהר משפחה; עס איז אונגלויבליך אז ער זאָל אזוי ווילד זיך באריהמען מיט דעם פאקט, אז ער האָט אָפּגע־

קויפט זייער קארשען גאָרטען. אמת, ער איז דאן שכור, האָב איך אָנ־געוויזען, אָבער דאָך האָט זיך מיר ניט פאַרגעשטעלט, אַז אפילו אין אזא צושטאנד זאָל ער דאָס טהון. ער וואָלט דאָס געקענט פיהלען אין הארצען; ער וואָלט דאָס געקאָנט זאָגען פאר זייטיגע מענשען; אָבער ניט אויסשרייען אין דער הויך, גראד דאן, ווען די אומגליקליכע פריצ'טע שטעהט דערביי, א צובראָכענע, א נידערגעשלאָגענע.

נעכטען האָט דער זעלבער לעאָנידאָוו די ראָלע געשפּיעלט פיעל בעסער ווי דעם ערשטען מאָל, און ער האָט איהר אזוי געשפּיעלט, אַז דאָס אוננאַטירליכע איז נאַטירליך געוואָרען. עס האָט זיך געדוכט, אַז דער שכור'ער צושטאנד זיינער איז צוזאַמענגעמישט מיט זיין גע־פיהל פון נצחון; אַז זיין רחמנות אויף די פריצ'טע איז דערטרונקען אין דער איבעררא‏שונג וואָס ער לעבט דורך, ווערענדיג פלוצלונג דער הערשער איבער דעם באריהמטען פריצ'ישען מאַיאָנטעק, וואו זיין טאַטע איז געווען א פאנשטשינע שקלאף.

קורץ, לעאָנידאָוו האָט געשפּיעלט מיט אזא קינסטלערישע קראַפט, אַז די גאנצע שטעלע האָט א נייעם פשט בעקומען; אלץ איז געוואָרען נאַטירליך; אלץ איז געווען שטארק און שרעקליך אמת. איך האָב גע־הערט, אַז לעאָנידאָוו'ן רעכענט מען פאר איינעם פון די גאָר וויכטיגע שוישפּילער אין דער טרופּע, און דעם אָבענד האָב איך דאָס דערפיהלט.

נאָר דאָ איז ניט אזוי וויכטיג צו רעדען וועגען דעם שפּיעלען פון דעם אָדער יענעם באזונדערען שוישפּילער אָדער שוישפּילערין, ווי וועגען זייער אלעמענס שפּילען אין איינעם, אלס קינסטלערישער סך הכל. עס איז א שטיק לעבען, ניט קיין טעאַטער פאָרשטעלונג.

און דערפאר ווערט דאָס דעם צושויער מיט יעדען מאָל אלץ טהייערער און טהייערער.

אָט האָב איך דעם „קארשען גאָרטען“ צוםביישפּיעל, געזעהן דריי מאָל, און איך קלייב זיך איהם זעהן א פערטען מאָל; און דאָס זעלבע איז מיט די „דריי שוועסטער“ און דאָס זעלבע איז מיט גאָרקי'ס „נא דניע“.

אן אמעריקאנער פּיעסע קענט איהר זעהן איין מאָל און אפשר צוויי מאָל. ווען איהר זעהט זי צום דריטען מאָל, ווערט זי אייך ביליג. און דאָ איז פאַרקעהרט. דער שרייבער פון דיזע צייל‏ען האָט צום צווייטען מאָל געפיהלט די ווירקליכקייט נאָך שטארקער ווי דעם ערש־טען מאָל און דעם דריטען מאָל נאָך שטארקער ווי דעם צווייטען. אנ־שטאָט צו ווערען ביליגער ווערט איהם דאָס טייערער. עס איז ווי די טייערסטע מוזיק.

איך בין ניט איינפערשטאנען מיט דעם וואָס פריינד באָריס טאָמאַ-שעווסקי האָט געזאָגט וועגען די דעקאָראַציעס פון דעם „קארשען גאָר-טען". דאָס זיינען ניט קיין אָרעמע דעקאָראַציעס. פארקערט, פאר די פּאָדערונגען פון דעם שטיק איז דאָס די טייערסטע וואָס מען וואָלט געקענט קריגען אין דער וועלט. אין אמעריקא קען מען דאָס ניט באַ-קומען. מען האָט דאָס געמוזט אראָפּברייינגען. מען דארף האָבען אין זינען, אז דאָ ווערט פאָרגעשטעלט א הויז פון אן אלטער, פריצ'ישער משפחה, א הויז וואָס שטעהט שוין העכער ווי הונדערט יאָהר און וואו אלץ איז פארעלטערט און פארנאכלעסיגט. יעדער ברעקעל אין דער דעקאָראַציע שטימט מיט דעם און האָט אין זיך א קינסטלערישען טעם. די אמאָליגע מאכט פון דער פאמיליע איז צופאלען, און דער אמאָליגער גלאנץ פון זייער פאלאץ איז פארשימעלט, צוברעקעלט, אָפּגעלאָזען.

באטראכט דעם אלטען אויוועז מיט די צושפּאָלטענע, פארעלטערטע קאכעלס; באטראכט דעם אמאָל טייערען בוך־שראנק; די ווענט מיט די אלטע שפיגלען און פיקטשורס. אלץ איז ווי די נאטירליכקייט אליין. עס האָט ווארשיינליך געקאָסט א סך מיה און צייט איידער מען האָט דאָס אלץ צוגעפּערטיגט.

און דער קארשען גאָרטען וואָס זעהט זיך דורך דעם פענסטער איז אויך פּונקט אזוי ווי עס דארף זיין. צו ערשט אין זומער צייט, און נאכהער אין הערבסט.

נאָר די גרעסערע בוימער, בוימלאך און לאָנקעס פון דעם צווייטען אקט זיינען ביליג צוזאמענגעשטעלט. דאָס געהערט שוין צום דזשאָל-סאָנ'ס טהעאטער. וועגען דעם האָט באָריס טהאָמאשעווסקי רעכט. ווייטער שטימט אלץ מיט דעם גייסט פון דעם לעבען, וועלכער ווערט פאָרגעשטעלט. עס איז דאָ לעבען אליין — די דעקאָראַציעס פּונקט ווי דאָס שפּיעלען. אין רוסלאנד גופא האָבען דיזע דעקאָראַציעס א סענ-סאציע געמאכט, און זיי זיינען די זעלבע.

יענעם אָוונט זיינען אין פּובליקום געווען אינטעליגענטע אמעריקא-נער, וועלכע זיינען אויך געקומען זעהען די פּיעסע צום צווייטען און צום דריטען מאָל. זיי זיינען געקומען צו יעדער מאָסקווער פאָרשטעלונג צו עטליכע מאָל.

אינהאַלט פון „די דריי שוועסטער“

די האַנדלונג קומט פאָר אין א רוסישער פּראָווינץ שטאָדט. דריי שוועסטער, אָלגא, מאשא און אירינא, חלומ'ן וועגען אוועקפאָהרען אין דער גרויסער שטאָדט מאָסקווע, וואו זיי דענקען אז זייערע אלע אידעאַלען וועלען פארווירקליכט ווערען.

די מיטעלסטע שוועסטער איז פארהייראַט צו א גימנאזיע־לעהרער און האָט שטילערהייד ליעב אַן אַנערען. אין דער אינגס־טער ליעבען זיך דריי אָפיצירען וואָס ארבייטען אויף אַלע כלים צו קריגען איהר אויפמערקזאַמקייט.

אַן ענדערונג קומט אריין אין דעם הויז ווען אַנדרעי, זייער ברודער, האָט חתונה פאַר א פּשוט'ע סענטימענטאַלע מיידעל. ווען א קינד ווערט געבאָרען הויבען זיך די שוועסטער אָן צו פיהלען ענג אין הויז. עס ווערט ביי אַלעמען א געדריקטע שטימונג.

אירינא, די אינגסטע שוועסטער, וויליגט איין צו חתונה האָ־בען מיט א באַראָן, אַן אַלטער פריינד פון דער פאמיליע, און גוטער בעקאַנטער פון איהר פאָטער, ווען ער איז נאָך געווען אין מאָסקווע. אירינא זאָגט איהם אויסדריקליך אז זי האָט ליעב א צווייטען, נאָר זי האָט חתונה מיט איהם פּשוט ניט קענענדיג איהם אָפּזאָגען. דער באַראָן ליידעט שטאַרק דערפון. בעזונ־דערס ליידעט ער דערפון וואָס סאָלאָני, דער וועמען אירינא האָט שטאַרק ליעב, איז א מענש מיט קליינליכע באגריפען און א בייזוויליגער. עס קומט ביי זיי צו א דועל. דער באַראָן איז זיכער אַז יענער וועט זיין געווינער. ער טהוט עס בלויז אום צו בלייבען א דזשענטעלמאַן און וועלענדיג פארטיידיגען אירינא'ס עהרע וועלכע איז פון סאָלאָני'ן באליידיגט געוואָרען. ער קומט צו אירינאַ'ן זיך געזעגענען. ער זאָגט איהר גאָר ניט וועגען דעם וואָס עס וועט באלד זיין. ער וויל איהר קיין שמערצען ניט אָנטהון. אָבער עפּעס פיהלט זי אינסטינקטיוו אין זיין באנעה־מונג, אין זיין האַלטען זיך אַז ער לעבט איבער אין דעם מאָמענט דאָס שרעקליכסטע און איז צו דערזעלבער צייט גליקליך וואָס ער איז נעבען איהר.

דער באַראָן ווערט געטויטעט אין דעם דועל. ווען די טרויע־רינגע נייעס קומט אָן צו אירינאַ'ן בלייבט זי פארצווייפעלט, אין גרויס טרויער.

די שוועסטער בלייבען אין דער היים. מאָסקווא בלייבט ביי זיי א ניט פארווירקליכטער חלום.

טשעכאָוו׳ס „דריי שוועסטער״

דער גרויסער קינסטלער קאַטשאַלאָוו האָט זיך געוויזען אין ווידער אַ נייע ראָלע; און ווידער האָט ער באַשטעטיגט די בעגייסטערטע לויב־ווערטער, וועלכע מען האָט געהערט וועגען איהם די לעצטע פופצעהן אָדער צוואַנציג יאָהר. אַ נייער טיפּ, נייע אומשטענדען, אַ נייע לאַגע; און ווידער האָט זיך אייך געדוכט, אַז דאָס איז ניט קיין שוישפּילעריי, נור אַ שטיק אמת׳ער לעבען; אַ שטיק אמת׳ע טראַגעדיע.

דאָס איז אַ ראָלע פון אַ באַראָן אַן אָפיציער אין דער רוסישער אַרמעע פאַר-דער־מלחמה־צייט. ער איז אַן איידעלער מענש, אַ דענקענדער, אַן ענטוויקעלטער און אַ סימפּאַטישער. ער איז אָבער ניט קיין שעהנער, און די מיידעל, אין וועלכע ער ליעבט זיך (די יינגסטע פון די דריי שוועסטער), ליבט איהם ניט. קאַטשאַלאָוו אליין איז גראָד ניט קיין מיאוס׳ער. פאַרקעהרט, ער האָט אַ שעהנעם, אינטערעסאַנטען פּנים. נו, האָט ער זיך געמאַכט פאַר ניט קיין שעהנעם; ער האָט זיין פּנים אזוי געפיקסט, אַז ער איז געווען באַדעקט מיט קרעצלעך און מיט אַ מין רויהע רויטקייט. עס איז געווען אַ נאַטירליכער געזיכט אזעלכער, און עס איז ניט געווען לייכט צו דערקענען, אַז דאָס איז קאַטשאַלאָוו.

ניט ווילענדיג האָב איך זיך געפרעגט: וואָלט אַ וויכטיגער אַמעריקאַנער אַקטיאָר זיך אזוי גרימירט? ער וואָלט גאָר ניט געוואָלט שפּילען אזאַ ראָלע. אַן אַמעריקאַנער העלד מוז זיין שעהן.

אין די ערשטע דריי אַקטען איז דער באַראָן־אָפיציער גוטמוטהיג, פריילעך, אָדער פילאָזאָפיש-ערנסט, אָדער פאַרליעבט; און דורכאויס איז דאָס געווען אַ לעבעדיגער מענש, אַ מענש ארויסגענומען פון דער טיעפסטער ווירקליכקייט. אין דעם פערטען אַקט קומט אויף איהם אַ טראַגעדיע; דאָ האָט קאַטשאַלאָוו געהאַט איינע פון די דעליקאַטסטע און שטאַרקסטע דראַמאַטישע מאָמענטען, וואָס אַן אַקטיאָר קען נור באַקומען צום שפּיעלען; און — דאָ האָט איהר באַקומען די בעסטע געלעגענהייט צו זעהן, וואָס פאַר אַ גילדענער קינסטלער דאָס איז.

צו די דריי שוועסטער אין הויז קומען אריין פיעלע אָפיצירען (זייער פאָטער, וועלכער איז שוין טויט, איז געווען א גענעראַל, דער קאָמאַנ־דיר פון דעם דאַרטיגען פּאָלק), און איינער פון די אָפיצירען איז דעם באראָן'ס ליעבעס קאָנקורענט. דאָס איז א ניט־קיין־סימפּאַטישער מענש, א ניט־פארגינער, א להכעיס'ניק, א פארביסענער. די אינגסטע פון די דריי שוועסטער (אירינא רופט מען איהר) וויליגט איין צו היי־ראַטען דעם באראָן. זי זאָגט איהם אָפען, אַז זי ליבט איהם ניט, אָבער ער איז א פיינער, איידעלער מענש, און זי וויים, אַז ער וועט זיין א גוטער מאַן צו איהר. דער להכעיס'ניק רייצט זיך דעריבער מיט איהם, קרימט איהם איבער און דערגעהט איהם די יאָהרען אויף פערשיעדענע אופנים. יענער פארטראָגט דאָס אַלץ מיט גערולד און מיט ליעבליכקייט. אָבער איין מאָל, אויפ'ן גאַס, פארלירט ער זיין גערולד און באליידיגט איהם. יענער רופט איהם ארויס אויף א דועל.

פאר'ן דועל קומט ער זיך געזעגענען מיט אירינא'ן. די געשיכטע פון דעם דועל פארבאָרגט מען אָבער פון איהר. ער ווינקט צו אַלעמען, אַז זיי זאָלען זיך ניט ארויסרעדען פאר איהר. אין זיין געזעגענען זיך איז, אַלזאָ, פאראן די ליידענשאַפט פון ליעבע, און דער געפיהל פון דעם געפאהר. וואָס עס הענגט איבער איהם; די גאַנצע געמישטע טראַגעדיע פון דעם מאָמענט ליגט אין זיין „אדיע" צו איהר; אָבער דאָס אַלץ מוז ער פארבאָרגען. דער טהעאַטער־בעזוכער, וועלכער וויים, וואָס דער באַ־ראָן פיהלט, זעהט זיין פּילפאכע איבערלעבונג דורך דעם שלייער פון דער פאַלשער ראָלע, וואָס ער צווינגט זיך צו שפּיעלען פאר אירינא'ן. די מיידעל זעהט אַז ער איז צוטראָגען אַז ער האָט יסורים, און זי פרעגט איהם טאקע וועגען דעם; אָבער זי וויים דאָך, אַז ער ליידט שטארק פון דעם וואָס זי ליעבט איהם ניט.

אָט דיעזע העכסט־דעליקאטע און העכסט אינהאַלטס־רייכע סצענע האָט קאטשאַלאָוו דורכגעפיהרט מיט אַזאַ קונסט, דאָס הייסט, מיט אַזאַ טיפער ווירקליכקייט, אַז ביי דעם שרייבער פון דיזען איבערבליק האָט בוכשטעבליך דער אָטעם פארכאַפּט פון רחמנות און ליעבע צו דעם אונגליקליכען סימפּאַטישען אָפיציער.

אירינא איז א מיידעל פון עטליכע און צוואַנציג יאָהר. זי דורשט נאָך לעבען און גליק. זי טרוימט שטענדיג וועגען אוועקפאָהרען פון זייער טויטער, פּראָווינציעלער שטאָדט און באַזעצען זיך אין מאָסקווע. זי טרוימט וועגען ליעבע, וועגען אַן אינטערעסאנטען בליהענדען לעבען. און פון אַלע איהרע טרוימען בלייבט גאָרנישט. זי איז פארטרויערט; עס איז א שטילע טראַגעדיע; זי שטיקט איהר און דריקט איהר אָהן א שיעור. און עס ווערט איהר מיאוס די אַרבייט (צוערשט אַלס טעלע־

גראַפיסטקע און דערנאָך אין אַן אַנדער אָפיס), און זי זעהט, אַז זי מוז זיך פאַרבינדען מיט אַ מענשען, צו וועלכען איהר האַרץ איז קאַלט, פּלאַצט איהר קומער אַרויס אין אַן אויסגוס פון טרערען און אַ יאָמער-געוויין.

ס'איז פאַראַן אַ סצענע אַזעלכע, און זי ווערט געשפּילט מיט אַזאַ ווירקליכקייט, מיט אַזעלכע אמת'ע רייד און אַזאַ אמת'ן יאָמער, אַז אַ האַרץ פון שטיין מוז צובראָכען ווערען.

דיזע ראָלע האָט דורכגעפיהרט לידיא קאַרעניעוואַ. אין אַמעריקאַ וואָלט אַזאַ שוישפּילערין געווען איינע פון די וויכטיגסטע סטאַרס. אין דעם סטאַניסלאַווסקי-טהעאַטער זיינען פאַראַן עטליכע שוישפּילערינען, וועמען מען גיט אַזעלכע ראָלען, און יעדע פון זיי איז אַן אמת'ע אַרטיסטין אין אַלץ וואָס זי שפּיעלט. אין דער דערמאָנטער סצענע האָט פריילין קאַרעניעוואַ געמאַכט אַן אונבעשרייבליך טיעפען איינדרוק.

די עלטסטע שוועסטער, אָלגאַ, איז אויך ניט פאַרהייראַט. זי איז אַ לעהרערין אין אַ גימנאַזיע. זי איז אַ גוטע, אַ געדולדיגע, אַ פריינדליכע. זי טרוימט אויך וועגען מאָסקווע און וועגען גליק, אָבער אויף אַ געלאַסענערען שטייגער. דיזע ראָלע האָט געשפּיעלט פריילין פּאַשענאַיאַ — אויך אַ זעהר טאַלאַנטפולע רעאַליסטישע אַרטיסטין. מיר זיינען ענטציקט געוואָרען פון איהר שפּיעלען אין דעם „קאַרשען גאָרטען“ אַלס די אַדאָפּטירטע טאָכטער, און דאָ האָבען מיר פון איהר ווידער געהאַט אַ סצענע פון בריליאַנטענע קונסט. דאָס איז אַ סצענע, וואָס זי האָט מיט איהר שוועגערין נאַטאַשאַ — די שלאַנג וואָס איז אַריינגעקומען אין זייער גוטע פאַמיליע.

נאַטאַשע צושרייט זיך אויף דער אַלטער ניאַנקע, אַנפיסאַ, פאַר וואָס זי סמייעט צו זיצען, ווען זי, נאַטאַשאַ, שטעהט; זי טרייבט איהר אַרויס, די זיעבציג-יעהריגע דינסט, וועלכע האָט די דריי שוועסטער און זייער ברודער אויסגעהאָדעוועט. אָלגאַ איז נידערגעשלאָגען פון דעם. זי רעדט מיט נאַטאַשע'ן מילד, אָבער מיט פּיין. זי ערקלעהרט איהר, אַז זי קען ניט זעהן ווי מען באַליידיגט אַ מענשען; אַז זי פיהלט זיך שרעקליך, אַז זי קאָן דאָס אַלץ ניט פאַרטראָגען. דאָס איז ניט געווען קיין סצענע פון יאָמערען און פיינליכע געשרייען, אָבער אויף אַ שטילערען אופן איז אויסגעדריקט געוואָרען דער צושטאַנד פון אָלגאַ'ס צוועהטאָגטע האַרץ דורך מייסטערהאַפטע לעבענס-טענער.

צו דער אבשטויסענדער נאַטאַשאַ וועלען מיר זיך נאָך אומקעהרען. צוערשט וועגען דער מיטעלסטער פון די דריי שוועסטער, מאַשאַ.

זי איז פאַרהייראַט. איהר מאַן איז אַ לעהרער אין גימנאַזיע, זעהר

א גוטער מענש, אָבער אַ נאַר. זי איז אויך אונצופרידען פון לעבען. זי בענקט אויך נאָך מאָסקווע. מען דאַרף באַמערקען אַז אין מאָסקווע האָט די פאַמיליע געוואוינט פריהער, מיט יאָהרען צוריק, ווען דער פאָטער האָט נאָך געלעבט און איז נאָך געווען יונג. פון דאָרטען האָט מען איהם געשיקט אין דער פּראָווינציעלער שטאָדט, אַלס קאָמאַנדיר פון דעם פּאָלק, וועלכער שטעהט דאָרטען. ער איז געווען אַן איידעלער מענש, דער פאָטער, און האָט די קינדער געגעבען אַן אונגעוועהנליך גוטע ערציהונג.

איצט קומט אין דיזער שטאָדט אַ פּאָלקאָווניק מיט'ן נאָמען ווער־שינין. ער איז שוין ניט קיין יונגער מאַן. ער האָט שוין גרויע האָר, און ער האָט אַ פרוי מיט צוויי מיידעלעך. ער איז אָבער אַ שעהנער, אינטערעסאַנטער, געבילדעטער און סימפּאַטישער מענש, און ווען מאַשאַ ווערט מיט איהם באַקאַנט, פערליעבט זי זיך אין איהם.

ווערשינין האָט צרות פון זיין פרוי, וועלכע איז אַ שלאַק, און נאָר וואָס נעהמט זי איין סם, כדי איהם צו מאַכען אַ סקאַנדאַל. ווערשינין באַקלאָגט זיך אויף די טרויעריגע ערציהונג, וואָס זיינע מיידעלעך באַ־קומען, און אויף די צרות, וואָס ער שטעהט אויס פון זיין שלעכטע, היסטערישע פרוי, און דאָס פארשטאַרקט נאָך מאַשאַ'ס ליעבע צו איהם. זי האָט רחמנות אויף איהם און דער רחמנות גיסט צו אויל צו דעם פלאַם פון איהר ליעבע.

א האָפנונגסלאָזע ליעבע, וואָרים ווערשינין קען ניט אוועקוואַרפען זיין פאַמיליע; ער איז פאַרליעבט אין מאַשאַ'ן. זיי זיינען גוטע, טרייע חברים; זיי וואָלטען געווען אַ גליקליכע פּאָר פאָלק, אָבער די באַרמלאָזע אומשטענדען שטעהען אין וועג.

די ראָלע פון מאַשאַ שפּיעלט מאַדאַם קניפּער־טשעכאָווא. אַז דאָס איז אַ פאַרליעבטע פרוי קענט איהר דערזעהן פאַר דריי מייל, דאַכט זיך. דער גאַנצער טהעאַטער דער גרויסער איז מיט איהר פאַרליעבטקייט דורכ־געפילט. פּלוצלונג ווערט זי אין גאַנצען באַנאָסען מיט אַ סאָרט נאַרישע שמייכעלע; פּלוצלונג לאַכט זי אָהן אַ שיעור מיט אַ פאַרליעבט־היסטע־ריש געלעכטער. פאַרליבטקייט איז אַזוי ווי פאַרגיפטונג; אַזוי ווי איינער וואָס ווערט פאַר־סם'ט פון אַ שעדליכען גראַז. אָט דיזער כאַ־ראַקטער פון ליעבע האָט זיך געפיהלט אונגעהייער דייטליך. און צוזאַמען מיט דער ליעבע האָט זיך געפיהלט די הילפלאָזיגקייט, דיא טראַגעדיע דערפון. אַן אומגליקליכער גליק האָט זיך געפיהלט.

די ליעבע ענדיגט זיך מיט אַ דראַמאַטישען געזעגענען זיך, וועגען וועלכען מיר וועלען רעדען שפּעטער.

אלס דער פארליבטער פּאָלקאָווניק ווערשינין האָט געשפּיעלט סטאַ־ניסלאַווסקי. ער האָט וועניג וואָס צו טהון, נאָר א היבש ביסעל וואָס צו רעדען; אָבער מיט זיין באנעהמען זיך האָט ער געשאַפען דעם ריכ־טיגען בילד.

איצט קומען מיר צו דעם ברודער פון די דריי שוועסטער. אנדרעי איז זיין נאָמען. דאָס איז א יונגער מאַן, וועלכער האָט זיך פריהער באשעפטיגט מיט וויסענשאפט. ער האָט געשטרעבט צו א פּראָפעסאָר־קאריערע. און ער האָט געהאט די בעסטע אויסזיכטען, אָבער אָט איז ער געקומען אין דער פּראָווינציעלער שטאָדט און ער איז אויך פארגיס־טעט געוואָרען. ער האָט דערזעהן א יונגע, פרישע, ניט קיין מיאוסע מיידעל און ער איז פארקאָכט געוואָרען אין איהר. זי איז ניט קיין סימפּאטישע, זי איז א וואולגארע עגאָאיסטקע; א מענש אָהן געשמאַק און אָהן געוויסען; א בייזע און אָהן א הארץ. אָבער די ליעבע איז בלינד. יאָ, די ליעבע צום קערפּער איז בלינד צום גייסט פון דער גע־ליעבטער. זיי האָבען חתונה געהאט. גלייך נעהמט נאטאשאַ איהם אריין אין די הענט; און ניט נאָר איהם, נאָר די גאנצע הויז. זי פאר־ניכטעט דעם גאנצען גייסט פון דער הויז. זי מאכט אלעמען קראַנק די קעפּ מיט איהר בייבי. זי צווינגט די אינגסטע שוועסטער אירינאַ אויפצוגעבען איהר צימער און וואוינען צוזאמען מיט איהר עלטערע שוועסטער אָלגא, כדי די בייבי זאָל האָבען דעם לופטיגסטען צימער פאר זיך. פון אנדרעי'ס טרוימען וועגען א פּראָפעסאָר-קאריערע ווערט גאָר ניט. זיין ווייב לעגט אויף אלעם ארויף איהר דארבענע האנט. זי פארשטעהט ניט אזעלכע זאכען און זי דארף זיי ניט האָבען. ער ווערט נעבאך א טשינאָווניק, א פּראָווינציעלער בעאמטער. ער פיהלט זיך אומגליקליך, אָבער וואָס קען ער העלפען? ער האָט ניט קיין מוטה צו קעמפען געגען זיין פרוי.

אויף דער סצענע קומען פאָר עטליכע סצענעס, וואו עס ווייזט זיך ארויס דער עקעלהאפטער כאראקטער פון דער וואולגארער נאטאשאַ; איהר הערשענדער גייסט, איהר שלאנגען נאטור; און ווען זי צושרייט זיך עגאָאיסטיש און קוויטשעט היסטעריש אויפ'ן קול, ווילט זיך אנט־לויפען אָדער איהר אויספּאטשען. די הארץ בלוטעט קוקענדיג אויף איהר אנדרעי'ן און אויף זיינע שוועסטער, נעבעך. אָלגא מופט אין גאַנ־צען ארויס און אירינא געהט חתונה האָבען. די הויז בעלאנגט צו דער גאנצער משפחה, אָבער נאטאשע שטופּט אלע שוועסטער ארויס פון דאָרטען.

די ראָלע פון נאטאשא האָט געשפּיעלט מאדאם בולגאקאָווא. אין איינינע שטעלען איז זי געווען מעכאניש; אין איינינע — הויפּטזעכליך

דאַרטען, וואו זי שרייט מיט היסטערישע גיפטיגקייט — איז זי געווען זעהר גוט.

די ראָלע פון אנדרעי'ען האָט געשפּיעלט לוזשסקי. דיעזער לוזשסקי האָט געשפּיעלט אין די פריהערדיגע דריי פּיעסען און אין יעדער פון זיי האָט ער ארויסגערופען אונזער באוואונדערונג. אלס אַנדרעי שפּיעלט ער אויך גלענצענד, אָבער די בילד וואָס ער האָט געזוכט צו שאַפען, האָט צו אונזער איינבילדונגס-קראַפט ניט גערעדט. אפשר האָבען מיר די ראָלע גאַנץ אַנדערש פאַרשטאַנען, ווי ער, ווען מיר האָבען געלעזען טשעכאָוו'ס דראמא.

איהר האָט אלזאָ פאַר זיך אַ פאַמיליע פון פיער מענשען, דריי שוועסטער מיט אַ ברודער און יעדער טראָגט זיך ארום מיט צושטערטע חלומות. יעדער טראָגט זיך ארום מיט א הארץ פול מיט פארגליווערטען וועהטאָג. ווי עס ענטוויקעלט זיך די פּיעסע האָט איהר אַ סטיידזש פול מיט צרות, אָבער ניט קיין צוגעקלערטע צרות, נאָר פון דעם סאָרט, מיט וועלכען די גאַנצע וועלט איז פול: טרוימען זיינען ניט מקוים גע-וואָרען; גליקען, וועלכע האָבען זיך ארויסגעצייגט פאר אומגליקען; אַ שווערע וואָכענדיגקייט; אַ נודנע, דריקענדע אומצופרידענהייט און הילפלאָזיגקייט.

איהר האָט ניט פאַר זיך קיין קונציג אויפגעבויטע דראמע אין פיער אַקטען פון דעם סאָרט, וועלכען מען רופט געוועהנליך ביהנע־מעסיג. איינער פון די אַמעריקאַנער קריטיקער באמערקט גאַנץ ריכטיג דאָס פאָלגענדע: די פּיעסע באַשטעהט פון שטיקלעך לעבען, וועלכע זיינען ניט צוזאַמענגעפּאַסט איינע מיט די אַנדערע ספּעציעל פאַר דער ביהנע. דיעזער קריטיקער לויבט דאָס. ער איז ניט צוגעאָווינט, דער אַמערי־קאַנער טהעאַטער מבין, אַז מען זאָל לאָזען דעם לעבען אליין אויפשריי-בען אַ פּיעסע. וואָרים קיין ביהנע־מעסיגע דראמע שרייבט ניט דאָס לעבען. פון דעם שטאַנדפּונקט פון דער אַמעריקאַנער טהעאַטער-מלאכה, איז די ווירקליכקייט איין גאַנץ שלעכטע דראמא־שרייבערין. אָבער טשעכאָוו האָט גאַנץ אַנדערע באַגריפען געהאַט וועגען ליטעראַטור און דראמא. און די אַמעריקאַנער קריטיקער מוזען אלע איצט שטעהן מיט אראָפּגענומענע היטלען און מיט טענער פון באוואונדערונג און אונ־טערטעניגקייט שרייען: מיר האָבען אַ סך צו לערנען ביי טשעכאָוו'ן, ער עפענט אונז די אויגען!

זיי פיהלען זיך אזוי ווי ניי־געבאָרענע און זייערע קריטיקער זיינען גוטע לעסאָנס אין אמת'ער ליטעראַטור. זיי דאַרפען האָבען אַן איינפלוס אויפ'ן אַמעריקאַנער געשמאַק.

הלואי!

הלואי זאָלען די הונדערטע אמעריקאנער פּיעסען ניט פארשוועכען דיעזע אלע גוטע איינדריקע מיט די אלע טשעכאָוו־פּיעסען.

דער שלום פון דער פּיעסע איז איינע פון די העכסטע טראגעדיעס וואָס מען קען זיך נאָר פאָרשטעלען. דער פּאָלקאָווניק מארשירט ארויס מיט זיין פּאָלק פון שטאָדט. ער מופט אריבער אין פּוילען. די לעבעדיגקייט וועלכע ער האָט אין דיעזער פּראָווינץ ארייגעבראכט, געהט אוועק. ווערשינין קומט זיך געזעגענען מיט זיין מאשא׳ן. אך, ס׳ארא שרעקליכע סצענע דאָס איז געוועזן! ווי נאטירליך און ווי שטארק ביידע האָבען דאָס געשפּיעלט. מען דארף ווירקליך האָבען נערוועז פון אייזען צו בלייבען געלאַסען דערביי. און איך גלויב ניט, אז עס זיינען געווען פיעלע מיט אזעלכע נערווען אין טהעאַטער — צי אונזערע מענשען צי אמעריקאנער.

און דער דועל האָט זיך געענדיגט מיט דעם טויט פון באראָן; און דאָס איז אויך נאטירליך, וואָרים ווי קומט אזא מענש צו קענען אזוי גוט שיסען, ווי יענער להכעיס׳ניק? דער באראָן האָט זיך אינטערעסירט מיט ביכער און מיט אידעען, און סוף כל סוף איז ער גאָר ארויס פון דער ארמעע.

עס ענדיגט זיך מיט א סצענע ווי די דריי שוועסטער שטעהען און רעדען. אָלגא, די עלטערע, רעדט טרויעריגע, קלוגע ווערטער, און די אנדערע צוויי שטעהען אין פארצווייפלונג.

פיעלייכט איז דיעזע רעדע ניט דורכאויס רעאליסטיש. פיעלייכט זיינען אויך ניט רעאליסטיש עטליכע אנדערע זאכען אין דער פּיעסע. דער גאנצער טיפּ פון דעם להכעיס׳ניק איז א גאנץ ביליגער און עטליכע אנדערע איינצעלהייטען זיינען ביליגע. אָבער שטעלט אייך פאָר, אז איהר נייהט אָן ביליגע קנעפּ אין א ראָק, וועלכער איז געמאכט פון טייערע מאטעריע און איז געגייהט געוואָרען און צוגעפּאסט זעהר גוט.

די קנעפּ וואָלט מען געקענט אויסשניידען און איינגייהען אנדערע. אבי דער עיקר, דער ראָק איז א זעלטענער. אָט אזא איינדרוק מאכט אויף מיר די פעהלערען אין דיעזער פּיעסע אין באצוג צו דעם עיקר.

איך האָב אויבען פארגעסען צו זאָגען א פּאָר ווערטער וועגען מאשא׳ס מאן, דעם נארישען, גוטען טשינאָווניק, דעם גימנאזיע־לעהרער. ער זעהט, אז זיין פרוי איז פארליעבט אין ווערשינינען; און ווען זי וויינט היסטעריש אין איהר ביטערער פארצווייפלונג, נאָכדעם ווי ווערשינין האָט זיך מיט איהר געזעגענט, טראָגט ער איהר צו א גלאָז וואסער און רעדט צו איהר זעהר פריינדליך און גוט. ער ווייס אלעס, אָבער עס מאכט איהם ניט אויס. ער האָט איהר אליין ליעב און איז אליין גוט

צו איהר. עפּעס אזוי ווי זי וואָלט געווען קראַנק ניט פון פארליעבט־קייט אין א פרעמדען, נאָר פון עפּעס א קאָפּ-שמערצען. די סצענע איז א מערקווירדיג אינטערעסאַנטע. און ווישנעווסקי, וועלכער האָט איהר געשפּיעלט, איז געווען אמת אויסגעצייכענט אין איהר. אין ערשטען אקט האָט ער אביסעל צופיעל געשריען. ער איז אָבער געווען גלענצענד אין דער גאַנצער ראָלע. ער וואַיזט אין איהר ארוים אמת'ן טאלאנט.

אלס באַרים גאָדונאָוו אין „צאַר פיאָדאָר" איז ער געווען זעהר גוט אָבער אלס אמת־באגאבטער ארטיסט האָט ער זיך ארויסגעצייגט ערשט דיזען מאָנטאַג אבענד. דאָס איז איבערהויפּט געווען א מערקווירדיגער מאָמענט. מאשא, זיין פרוי, וויינט היסטעריש ווארום איהר געליעבטער געהט אוועק, און דאָרטען, הינטער דער סצענע, הערט זיך דער אָרקעסטער פון די סאָלדאטען, וואָס מאַרשירען ארוים פון שטאָדט. און דאָ פּאַדעט דער מאן ארום זיין פארליעבטער פרוי מיט א גלאָז וואסער, מיט אמת'ע פארגעבונג, מיט אמת'ע געטרייהייט.

אך, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטהון אין די הערצער פון די טהעאטער באזוכער אין יענעם מאָמענט!

איך וואָלט דורכגעלאָזען א זעהר וויכטיגען פּונקט, ווען איך זאָל ניט דערמאָנען דעם שוישפּילער גריבונין, וועלכער האָט געשפּיעלט די ראָלע פון אן אלטען מיליטערישען דאָקטאָר, א פוילער, א פּיאניצע, א דענ־קענדער, אן אינטערעסאנטער, א קלוגער. מיר האָבען דעמזעלבען גרוֹ־בונין געליובט פאר זיין שפּיעלען אין דעם „קארשען גאָרטען" — אויך אלס אלטען מאן. דאָס איז אָבער א גאנץ אנדער טיפּ. ער איז געווען אויסגעצייכענט אין יעדער איינצעלהייט. עס איז אונמעגליך זיך פאָר־צושטעלען, אז אימיצער וואָלט די זעלבע ראָלע געשפּיעלט בעסער. ווי קען מען דען שפּיעלען בעסער ווי דאָס לעבען אליין?

וויעדער האָבען מיר דאָ, אלזאָ, א היבשע גרופּע שוישפּילער, יעדער און יעדע פון וועלכער שפּיעלט ווי א סטאַר, וואָס פאַרדיענט אין אמת'ען דעם נאָמען. אָט אין דעם באשטעהט איינע פון די מערקווירדיג־קייטען פון דיזען קונסט טהעאטער, וועלכער איז אזוי באריהמט איבער דער גאַנצער וועלט. אין אן אמעריקאנער אָדער אין אן ענגלישער קאָמ־פּאני האָט איהר איין סטאַר, וועלכער פאַרדיענט אויך ניט אלע מאָל דעם נאָמען; און דאָס איז א קאָמפּאַניע, וועלכע באשטעהט כמעט אין גאַנצען פון סטארס.

עס זיינען, נאַטירליך, דאָ בעסערע און נאָך בעסערע. פון קאטשא־לאָוום און מאָסקווינס באשטעהט די גאַנצע קאָמפּאַני ניט. אָבער א גרויסע צאָהל באשטעהט פון אויסגעצייכענטע ארטיסטען אין דעם שעהנסטען זין פון דיזען וואָרט.

אָבער דאָס וויכטיגסטע איז, וואָס זיי שפּיעלען ניט אלס סטארס. אָט האָט מאָסקווין פּאָריגע וואָך געשפּיעלט א גאַנץ קליינע ראָלע. יעדער איינער פון זיי איז בארייט צו שפּיעלען וואָס מען גיט איהם, צי א גרויסע, צי א קליינע ראָלע. דאָס איז א זאך וואָס אַן אמעריקאנער סטאַר וואָלט זיך אבסאָלוט ענטזאגט צו טהון. און דערצו בייטען זיי זיך מיט די ראָלען. היינט שפּיעלט קאטשאַלאָוו, און מאָרגען שפּיעלט מאָסקווין, און איבערמאָרגען גאָר פאָדגארין אין דער זעלבער ראָלע. דאָס איז ווידער א פונקט, וועלכער איז אַן אונמעגליכקייט אונטער דעם אמעריקאנעם סטאַר־סיסטעם — א סיסטעם, אונטער וועלכען די קונסט ווערט פארזשאוועט אקוראט ווי אייזען אין א שלעכטען וועטער.

איינער פון די אַמעריקאנער קריטיקער מאַכט אַן אינטערעסאנטע באַמערקונג וועגען דער פאָרשטעלונג פון די „דריי שוועסטער": ביי אונז — זאָגט ער — ווען א סטאַר דארף אראָפּגעהן פון דער ביהנע געהט ער אוועק מיט א קנאַק. ער מוז דערביי זאָגען עפּעס א מערקווירדיגע וואָרט; עס מוז פאָרקומען עפּעס אַן עפעקט־סצענע. וואָס דען, גלאַט ארויס־קומען ווי אַן איינפאכער בשר ודם? און דאָ געהט קאטשאַלאָוו ארויף אויף דער ביהנע און ארונטער פון דער ביהנע אָהן שום פּאראד — נאַ־טירליך, ווי אין לעבען, ווי עס פאָדערט דער מאָמענט.

מען צורייסט זיך לויבענדיג די מאָסקווער קאָמפּאַני פאר דעם שטיי־גער ווי זי שפּיעלט סתם א סצענע. אין די „דריי שוועסטער" איז פאראן א קאָמפּאַני אָפיצירען און די שוועסטער און אנדערע, וואָס זיצען ארום און טרינקען. געוועהנליך ווערט אזא סצענע אָפּגע־פטר'ט מעכאניש; און דאָ איז יעדע איינצעלהייט געוועזן אזוי געשפּיעלט, אזוי ווי אפילו דער טישטוך וואָלט געוועזן אַן אקטיאָר. וועגען די דיענסטען, וואָס דע־קען דעם טיש און דערלאנגען צום טיש, איז שוין גאָר ניטאָ וואָס צו רעדען. זיי האָבען ניט קיין ראָלען; זייערע נעמען זיינען גאָר ניט אין פּראָגראַם. זיי האָבען קיין וואָרט ניט אויסצורעדען, און דאָך טהוען זיי זייער ארבייט מיט א ווירקליכקייט, אז עס דאכט זיך אייך, אז דאָס זיינען טאקע דיענסטען און דענשטשיקעס.

אַן אנדער אמעריקאנער קריטיקער מאַכט אזא אינטערעסאנטע באַ־מערקונג: געוועהנליך אין א פּיעסע איז אזוי: איינער רעדט, דער אַנ־דערער ענטפערט און קיינער רעדט דערביי ניט, נאָר איינער רעדט. דער לעבען אָבער ווייס ניט פון אזעלכע זאַכען. צוויי מענשען רעדען און דערביי רעדען אנדערע אויך, און פונקט אזוי קומט פאָר ביי סטאַני־סלאווסקי'ן אויף דער ביהנע.

אָבער וואָס די קריטיקער בעמערקען קיינמאָל ניט, איז דאָס פאָל־

גענדע, וואָס מיר זאָגען כמעט אין יעדער קריטיק אונזערע: אויף דער
אַמעריקאַנער ביהנע פיהלט איהר זיך גליקליך, ווען איינער פון אַ
גאַנצער קאָמפּאַניע רעדט מיט אַ נאַטירליכען לשון. ווען צוויי רעדען אזוי
איז שוין אַ סורפּרייז. די איבעריגע דעקלאַמירען, למשל, ווען זיי פרע-
גען ווי שפּעט עס איז, אזוי ווי זיי וואָלטען אייך געגעבען אַ „רעסיטיי-
שאָן“ פון אַ שטיקעל שעקספּיער. דאָ רעדען אַלע, אבסאָלוט אלע, ווי
מען רעדט אין דעם געוועהנליכען לעבען. קיין שוישפּילער „רעסייטע-
וועט“ ניט. אָט אין דעם ליעגט די אמת'ע קונסט און דאָס ענטציקט
דעם שרייבער פון דיזע צייל‎ען מעהר ווי אלעם.

פ. רעי קאמסטאק און מאררים געסט

פרעזענטירען

באלעיעפ'ס

שאוו סארע (פלעדער מויז)

פון מאָסקווא—פאריז—לאָנדאָן

יעצט אין

סענטשורי רוף טהעאַטער

ניו יאָרק

דעם צווייטען יאָהר

LABOR WORLD PRESS
379
1126 Blue Island Avenue

CHICAGO'S LABOR BANK

By arrangement with the Russian American Industrial Corp., 31 Union Square, New York, N.Y., holding special concession from the Soviet Government

We are sending Dollars

TO ALL CITIES AND TOWNS OF

Russia and Ukraine

by CABLE and MAIL

Our Representative in Russia is the
INDUSTRIAL BANK OF MOSCOW
and its branches and agencies in Petrograd, Gomel, Tshernigoff, Kiew, Kharkoff, Rostow, Winnitza, Minsk, Odessa, Nikolaew, etc.

OUR CABLE SERVICE IS AS FAST AS BEFORE THE WAR

We had instances of money delivered in Moscow IN 3 DAYS and in Odessa—the extreme South of Russia—IN 8 DAYS

THE COST OF A CABLE WITH AN ORDINARY ADDRESS IS ONLY $2.00
NO TAXES DEDUCTED IN RUSSIA

SEND MONEY TO YOUR RELATIVES THRU

CHICAGO'S LABOR BANK

Amalgamated Trust and Savings Bank

A CLEARING HOUSE BANK

371 WEST JACKSON BLVD. CHICAGO, ILL.
103 EAST 14TH STREET NEW YORK, N. Y.

The Moscow Art Theatre

by

ABRAHAM CAHAN

Published by the
WORKERS' CULTURE LEAGUE
1224 So. Albany Ave.
Chicago, Ill.

April, 1923